STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11206

SIDNI HILMAN, 1887-1946

Yitshak Libman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק ליבמאַן

סידני הילמאַן

1887 - 1946

פאַרלאַג „וואָכנבלאַט", ניו־יאָרק

שוין דערשינען

אין פֿאַרלאַג „וואָכנבלאַט“

„וואַריאַציעס“

(געקליבענע לידער)

פֿון יצחק ליבמאַן

קונסט־אויסגאַבע. פּאַפּיר: איגל־עי דאַנבי דעקל, וואָזו פֿי־ניש, דעקל עדזש. פֿאָרמאַט: 9 אויף 12. שריפֿט: פֿראַנק־רוהעל. קעפּלאַך — געצייכנט פֿון מחבר. איינבאַנד — דע־לוקס, מיט גאָלד־שטעמפּל. פּאָרטרעט — געצייכנט פֿון אַננאַ וואַלינסקאַ. געדרוקט אין באַגרענעצטער צאָל פֿון האַנט־נומערירטע עקזעמפּליאַרן. פּרייז — 5 דאָלער. דורך פּאָסט — 5.50 דאָל.

זיך ווענדן צו:

Farlag "Wochenblat"

ROOM 901, 41 UNION SQ., NEW YORK 3, N.Y.

יצחק ליבמאַן

סידני הילמאַן

1887 - 1946

פאַרלאַג „וואָכנבלאַט", ניו־יאָרק

אַנשטאָט אַ הקדמה

דעם 7טן סעפּטעמבער, 1944

אין סאַמע שטורעם־צײַט פֿון אַמעריקע —
ווען דאָס לאַנד האָט גאָר נערוועז
געוואַרט אויף דעם אויסגאַנג פֿון די
פּרעזידענט־וואַלן — האָב איך דאַן,
שטיצנדיק דעם „פּעק" לטובת רוזוועלטס
ווידערדערוויילונג, [illegible] פֿאַרעפֿנטלעכט
אין „[illegible]" אַ סעריע אַרטיקלען וועגן דעם
פֿירער פֿון „פּעק", ר' „סידני הילמאַן, דער לינקער
גענעראַל פֿון היימישן פֿראָנט".

צוליב דעם: יענע אַרטיקלען, אין ווײַטער
באַאַרבעטער פֿאָרעם, זײַנען מײַן באַשײדענער
ווערטער־מאָנומענט אויפֿן פֿרישן קבר פֿון
סידני הילמאַן.

יצחק ליבמאַן

היימישער פראָנט

דער „היימישער פראָנט", אַ פראַזע־אַרטיקל וואָס איז פראָדוצירט געוואָרן אין נאַצי־דייטשלאַנד, אַלס 1) דער שעיר־לעזאזל פון גערמאַניעס מפּלה אין דער ערשער וועלט־מלחמה און 2) — ווי דער סאַמע אַדווערטייזסטער שלאָגוואָרט אין דריטן רייך צווישן די טעמפּעוואַטע מעכילס איז איינער פון די געציילטע טריפה׳נע פּראָדוקטן אויף וועלכע דער באָיקאָט געגן דייטשלאַנד — איז בשום־אופן ניט חל. ביי אונז, דאָ אין לאַנד, ווי אין ענגלאַנד, אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין כינע און אין די לעצטנס־צוגעקומענע עלאַיס אונזערע איז נישקשה׳דיג אַרייַנגעקלאַפּט געוואָרן אין מוח פון די מערסטע בירגער, אַז די שלאַכט־פון־די־שלאַכטן קען ניט געוואונען ווערן אָן דער קאָנדיציעלאָזער קאָאָפּעראַציע פון דעם „היימישן פראָנט". אין טעג ווען רייבונגען צווישן באַלעבאַטים און אַרבעטער אין היגע שליסל־אינדוסטריעס פלעגן דערגרייכן אַ הויכע טעמפּעראַטור פלעגן אמת׳ע פּאַטריאָטן זיך אַ כאַפּ־טאָן אָן דעם רעטונג־פּענדל „היימישער פראָנט" — אַ פּאָן אַזאַ וואָס האָט געוויזן איר צויבער אין ניט איין אָנגעגליטן קאָנפליקט. ערשט די טעג, צ.ב., אַרום סוף אויגוסט, האָבן די בירגער פון אַמעריקע געלייענט אויף די פראָנט־זייטן פון דער פּרעסע ווי דער מאַיאָר־גענעראַל קלעי, דער דירעקטאָר פון „אַרמי סירוויס פאָרסעס" האָט געוואָרנט דער „קריג אונטערזוכונגס־קאָמיסיע" פון סענאַט אַז די פּראָדוקציע פון אַ צאָל וויכטיגע קריג־אַרטיקלען אין חודש יולי איז געפאַלן אויף אַזוי פיל ווי 53 פּראָצענט לגבי דער פּראָדוקציע פון די זעלבע אַרטיקלען אין חודש יוני און ער האָט, בכן, אַפּעלירט צו די אַרבעטער און באַלעבאַטים צו שליסן ענגער זייערע רייען. אַן ענלאכע דערקלערונג איז דעם זעלבן טאָג געגעבן געוואָרן פון לייטענאַנט־גענעראַל סאָמערוועל, וועלכער האָט פאַרענדיגט מיט אַ וואָרענונג אַז דער שאַרפער דוחק אין אַ צאָל מלחמה־אַרטיקלען וועט אָפּשטופּן אויף אַ צייט דעם נצחון איבערן שונא. ואחרון, אחרון חביב — דער פּרעזידענט אַליין — האָט לעצטנס אַפּעלירט צו די אַרבעטער אין געוויסע קייזער־פאַבריקן צו אונטעריאָגן די פּראָדוקציע פון עי־פּי־45, — אַן אַטאַקירנדיגע שיף — וועלכע וועט דאַרפן שפּילן אַ העכסט־וויכטיגע ראָליע אין די נאָענטע אַמפיבישע שלאַכטן אין דעם פּאַסיפיק. די מעכטיגסטע שטימען פלעגן פון צייט־צו־צייט נעמען אַלאַרמירן סיגנאַלן פון געפאַר אויף דעם רעגעלן פראָנט צוליב דעם אָפּלאָזן די לייצעס פון דעם פערדל — „דער היימישער פראָנט". און ווען מען וועט בקרוב — האָפנטלאַך — נעמען פאַרצייכענען די פלעפּהאַפּטע מעשים און מעשות פון די העלדן אויף די רעגעלע פראָנטן — וועט מען פון אויג ניט טאָרן אויסלאָזן די ניט־קליינע אַרמיי פון גרויע, פּרעטענזיעלאָזע, ניט־ספּעקטאַקולערע העלדן אויף דעם היימישן פראָנט פון לאַנד אַמעריקע. די צאָל פון אָט־די העלדן, גבורי־הרוח, איז לעגיאָן. דער זיגרייכער גענעראַל פון אָט־דעם העלדען לעגיאָן, איז סידני הילמאַן.

הילמאַן פאַרטייטשט זיי אַ קאַפּיטל ישעיה

אָט ווי לאַנג איז דאָס געווען (עלטערע אַרבעטער־פירער און סתם
יוניאָן־מיטגלידער געדענקען עס): ווען אויף יוניאָן־טעטיגקייט האָט
מען, מילד גערעדט, געקוקט מיט קאָסאַקע אויגן; אויף אַקטיווע יו־
ניאָן־מענטשן — ווי אויף אויסוואורפן; און אַרבעטער אויף דער „פּי־
קעט־לאַין" זיינען געווען אַ הפקר־אַרטיקל פאַר די פּאָליציאַנטן און
פאַר דער שטאַט־מיליץ? — סך־הכול 30־20 יאָר! וואָס פאַר אַ רעוואָ־
לוציע — אַ בלוטלאָזע רעוואָלוציע — עס איז דאָ פאָרגעקומען אין
דער פּסיכיק ניט נאָר פון דעם דורכשניטלאַכן בירגער, קליין־בירגער,
נאָר אין דער נשמה פון דעם דורכשניטלאַכן אַרבעטער און אַפילו
אין דעם מוח פון דעם דורכשניטלאַכן גאָמפּערסיסטיש־דערצויגענעם
טיפּישן אַרבעטער־פירער און יוניאָן־באַאמטן!

אין דעם באַוואוסטן וואָכנבלאַט „טאַים" (24־טער יולי, 1944)
שרייבט אַן אינפאָרמירטער מענטש (זייט 18) אַז „דער וויכטיגסטער
פּאָליטיקער די וואָך אויף דער דעמאָקראַטישער קאָנווענשאָן אין שי־
קאַגאָ איז, זייער וואַרשיינלאַך, אַן אַרבעטער־פירער. דער אַרבעטער־
פירער איז סידני הילמאַן, אַ 57־ער, פון מאַנהעטן, פאַר 30 יאָר דער
פּרעזידענט פון דער רייכער און מעכטיגער אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג
וואָרקערס. הילמאַנ'ס וויכטיגקייט וואַקסט אַרויס פון דעם גרעסטן
נייעם פאַקט אין אַמעריקאַנער פּאָליטיק: פון דער סי־אַי־אָ'ס „פּאָלי־
טיקעל עקשאָן קאָמיטי", פון וועלכער ער איז דער פאָרזיצער". אין
זעלבן זין־האָבן קאָמענטירט וועגן דער דעמאָקראַטישער קאָנווענשאָן
אין שיקאַגאָ — אַ געשעעניש פון ערשט־ראַנגיגער פּאָליטישער וויכ־
טיגקייט אין אַמעריקע — צענדליגער באַוואוסטע קאָלומניסטן פון
די אָנגעזעענסטע צייטונגען אין לאַנד. אַזוי, צ.ב., האָט ען אָ'העיר
מ'קאָרמיק, די וויכטיגסטע זשורנאַליסטין אין אַמעריקע (די פרוי מיטן
מאַנסבלשן קאָפּ) געווידמעט אַ גאַנצן קאָלום (20טן יולי, 1944, „ניו־
יאָרק טיימס") וועגן הילמאַנען און זיין איינפלוס אין אויסאַרבעטן די
אויסלענדישע פּאָליסי אין דער פּלאַטפאָרמע פון דער דעמאָקראַטי־
שער פּאַרטיי — די איצט־רעגירנדיגע לאַנד־פּאַרטיי.

„די סי־אַי־אָ־פירער האָבן געשפּילט אַזאַ וויכטיגע סטראַטעגישע
ראָליע אויף דער קאָנווענשאָן, אַז זייער שטעלונג אין שיכות צו דעם
אויסלענדישער־פּאָליסי־פּלאַנק איז מער ווי פון אַ פאַרבייגייענדיגן
אינטערעס . . . צי „לייבאָר" איז גרייט צו צאָלן דעם פּרייז פאַר אינ־
טערנאַציאָנאַלער קאָאָפּעראַציע — דאָס איז אַן אַנדער פראַגע. מר.
הילמאַן האָט באַהויפּטעט אַז דאָס שטרעבן פון דער סי־אַי־אָ־פירער־
שאַפט איז צו איבערצוצייגן די מיטגלידער אַז זייערע בעסטע אינ־
טערעסן ליגן אין פרייען אינטערנאַציאָנאַלן אויסטויש פון סחורה. ער
האָט, אָבער, צוגעגעבן אַז ער מיינט „פּלאַנירטן אויסטויש", אָדער אַ
היפּש־צענטראַליזירטן מלוכה־קאָנטראָל פון אינטערנאַציאָנאַלן
האַנדל". אַזוי, אַלנפאַלס, קנייטשט אַ פרוי איר לומדישן שטערן, טיף
פאַראינטערעסירט צו פאַרשטיין וואָס דער געוועזענער קאָוונער

ישיבה־בחור איז דאָ אויסן מיט זיין נייעסטן קאָמענטאַר פון „וגר זאב
עם כבש", ווי אַזוי דער ליטוויש־אידישער אימיגראַנט וועט דאָ „פאַר־
קויפן" צו דעם אַמאַלגאַם אמעריקאַנער דעלעגאַטן אויף דער דעמאָ־
קראַטישער קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ פון יאָר 1944 אַ קאַפּיטל
ישעיהו בן עמוץ . . .

יע, קעגן דעם וואָס אַלטע יוניאָן־טוער געדענקען נאָך די טעג
ווען אַ יוניאָן איז געווען דער סינאָנים פון כל דבור אסור און אַ יו־
ניאָן־פירער — „אַלץ וואָס אין קאָרט" . . . און היינט לייענען זיי, ווי
אין אַ מעשה׳לע פון טויזנט איין נאַכט, אַז אַ איד, אַ געוועזענער
קאַטער, „דיקטירט" כמעט דער רעגירנדער פּאַרטיי פון לאַנד אַמערי־
קע — וועמען צו נאָמינירן פאַר פּרעזידענט און וועמען פאַר וויצע...

„איז עס גוט פאַר אידן?"

עמפּינדלאַכע אידישע כלל־טוער, וואָס טרעטן־צו צו יעדן וויכ־
טיגן געזעלשאַפטלאַכן ענין פון אַ אידישן שטאַנדפּונקט, וועלן פרעגן:
„איז הילמאַנס מעכטיגער איינפלוס אין פּאָליטישן לעבן פון אַמערי־
קע גוט פאַר אידן צי, חלילה, שלעכט?" אייניגע היגע אידישע וואָרט־
זאָגער האָבן שוין „גענומען אַ וואָרט" אין אָט־דער דעליקאַטער פראַ־
גע און נאָך אַ היפשער שקלא־וטריא האָבן זיי אַרויסגעטראָגן אַ קאַ־
טעגאָרישן „ניין" — אַז הילמאַנ׳ס בולט׳ער פנים אויפן היגן פּאָלי־
טישן יאַריד איז בפירוש ניט גוט פאַר אידן. הלל ראָגאָף צ.ב. הויבט
אָן זיין וועכנטלאַכן פּאָליטישן קאָלום („פאָרווערטס", 27־טער יולי,
1944) „אין איצטיגן מאָמענט", וועלכן ער ווידמעט אינגאַנצן צו
הילמאַנ׳ס ראָליע אויף דער דעמאָקראַטישער קאָנווענשאָן, מיט אָט־
דעם זאַץ־פּאַראַגראַף: „סידני הילמאַן האָט מיט זיין טעטיגקייט ביי
דער דעמאָקראַטישער קאָנווענשאָן אין שיקאַגע קיינעם קיין טובה ניט
געטאָן, — ניט דער אַרבעטער־באַוועגונג, ניט פרעזידענט רוזוועלט,
ניט די אידן און אַפילו ניט זיך אַליין". ראָגאָף שטעלט זיך דאָ אויף
דעם רעאַקציאָנער־יאַהודימשן מה־יפית שטאַנדפּונקט: „למה יאמרו
הגויים" — אַז אַ איד דאַרף זיך ניט שטופּן אויבנאָן. און ער שעמט
זיך טאַקע ניט צו זאָגן דאָס בפה מלא: „צוזאַמען מיט אים (מיט היל־
מאַנען — י.ל.) אַלס פאָרשטייער פון דער סי־אַי־אָ פּאָליטישער קאָ־
מיטע איז ביי דער קאָנווענשאָן געווען פיליפּ מאָרעי, דער פּרעזידענט
פון דער סי־אַי־אָ. אויב עס איז נויטיג געווען אַרויסצוגעבן דער־
קלערונגען און אינטערוויוס, האָט פיליפּ מאָרעי עס געקענט טאָן
פּונקט אַזוי ווי הילמאַן. און אויף מאָרי׳ן וואָלטן די רעפּאָרטערס ניט
געקענט מאַכן די הצעס: ער איז ניט קיין איד, ניט קיין אימיגראַנט
און ניט אַזוי פאַרפלאָנטערט אין פּאַרטיי־פּאָליטיק און מיט די קאָ־
מוניסטן ווי הילמאַן".

ווי לאַנג איז דאָס ווי סאָציאַליסטן פלעגן פּרובירן אויסוואָרצלען
ביי די אידישע מאַסן אָט־דעם מה־יפית גייסט, אָט־די אינערלאַכע
שפלות, דעם נאַציאָנאַלן אינפעריאָריטי־קאָמפּלעקס? ווי לאַנג איז
דאָס אַז זיי פלעגן אַזוי פייערלאַך דעקלאַמירן אַז דער מענטש — יע־

דער מענטש — איז אַ פולשטענדיגער מחותן אין וועלכן לאַנד ער זאָל
ניט קומען און אויף וועלכער סביבה־חתונה ער זאָל ניט טאַנצן? וואָס
פאַראַ מערקווירדיגן „השיבנו נאַזאַד״ געוויסע אידישע סאָציאַליסטן
האָבן עס געמאַכט! עס זעט אויס, אז דעם אמאָליגן שטאָלצן מענטש־
לאַכן טראָט אינם אידן וואָס די אַמאָליגע סאָציאַליסטן פלעגן פרע־
דיגן האָבן די לעצטע יאָרן איבערגענומען די מאַרקסיסטיש־פאַר־
אורטיילטע „קליינבירגער״. אויף דער נעמלאַכער דעמאָקראַטישער
קאָנוועגשאָן האָבן זיך געפונען 157 אידישע דעלעגאַטן, פאַרטרע־
טער פון 39 שטאַטן, כמעט אַלע קליינבירגער, און האָבן זיך געפילט
גאָר היימיש אויף דער גרויסער אַמעריקאַנער חתונה. זייער אידיש־
קייט איז זיי ניט געהאנגען ווי אַ לונג־און־לעבער אויפן נאָז. פאַר דעם
„ארץ־ישראל קאָמאָנוועלט־פלאַנק״ אין דער דעמאָקראַטישער
פלאַטפאָרמע האָט געקעמפט דער ניו־יאָרקער אידישער קאָנגרעסמאַן
עמאַנועל סעלער. ס'איז אים ניט איינגעפאַלן אַרויסצושטעלן אויף זיין
אָרט אַ שבת־גוי. און — אסור, אויב עס האָט סעלערן געשאַדט צום
געזונט . . .

פאַר אידישע כלל־טוער האָט שוין געמעגט זיין אַקסיאָמאַטיש
אַז אידישע אינטערעסן אין וואָס פאַר אַ לאַנד עס זאָל ניט זיין פאַלן
זיווג'וויז צונויף מיט די פּראָגרעסיווע שטרעמונגען און כוחות פון
דער און דער געגעבענער מדינה.

עס זעט מיר דערפאַר אויס, אַז עס איז אַ זיווג מן השמים אַז אין
דער איצטיגער פיל־געפּרוואוטער שעה זאָל אַ איד שטיין בראש פון
די קעמפנדע מחנות פאַר אַ פרייער און פּראָגרעסיווער אַמעריקע. עס
זעט אויס, אַז די ליבעראַלע און הומאַניטאַרע אַמעריקע האָט צווישן
אירע איבער 130 מיליאָן בירגער ניט געקענט געפינען קיין פאַסיגערן
קיין מער־באַרופענעם גענעראַל פון די פאַר־פרייהייט־קעמפנדע אַר־
מייען אויפן היימישן פראָנט ווי דעם געוועזענעם קאָוונער ישיבה־
בחור, מיט דער שאַרפער תפיסה, שמחה (סידני) הילמאַן.

קעגנער נומער 1 פון גאָווערנאָר דיואי
אין קומענדיגע וואַלן

דיק לי און רעי קאָנעלי, דער קאָרעספּאָנדענטן־צווילינג פון אָל־
באַני, צוויי שרייבער־יאַטן וואָס זיינען שטיקלאַך שמעלקעס מיט גאָ־
ווערנאָר דיואי און זיינע פּאָליטישע ראַטגעבער, לאָזן אונז וויסן אַז
דער רעפּובליקאַנער פּרעזידענט־קאַנדידאַט האָט שוין אויסגעאַרבעט
זיין וואַל־סטראַטעגיע און אַז ער האָט אויסגעוויילט די הילמאַן־פּעס־
טונג אַלס דעם הויפּט־פּונקט וואוהין ער וועט אָנשטעלן זיין גרעסטע
קאַנאָנאַדע אין די הייַ־יאָריגע אָנגעצויגענע וואַלן. וואָכן־לאַנג האָבן
דיואיס עקספּערטן געשנישטערט וואו־נאָר אַ פּאַקט וועגן הילמאַנס
פּאָליטישער אַקטיוויטעטן און געבויט אויף אָט־די אויספאָרשונגען
וועט איינע פון די הויפּט־רעדעס פון טאָמאַס דיואי אַליין־זיין טאַקע
וועגן הילמאַנען אַלס דער הויפּט פון לייבאָר פּאַרטיי אין ניו־יאָרק און
פון דער סי־אַי־אָ „פּעק״.

2 טעג נאָך אָט־די ידיעות פון אָלבאַני איז הילמאַן געוואָרן די צענטראַלע פיגור אין וואַשינגטאָן. דעם 28־טן אויגוסט איז הילמאַן אויפגעטראָטן אין וואַשינגטאָן פאַר דער „קאָנגרעס־קאָמיטע וועגן קאַמפּעין־אויסגאַבן“, אָפּצוגעבן פאַר איר אַ דין־וחשבון פון די געזאַמלטע געלדער פון די צוויי „פּעק“־אָרגאַניזאַציעס (וואָס ער איז זייער פירער) — פון דער „נעשאָנאַל סיטיזענס פּאָליטיקעל עקשאָן קאָמיטי“ און פון דער סי־אַי־אָ „פּעק“. דער אמת׳ער, דער באַרופענער גענעראַל באַווייזט זיין פּנים ווען די פּאָזיציע פון וועלכער צו אַטאַקירן און דערגרייכן לפי־ערך׳דיק־מאַקסימאַלסטע רעזולטאַטן שפּילט אים־אונטער אונטערן האַנט. און אָט־דעם פּנים — אַ פּנים פון באַרופענעם אַרבעטער־שטאַטסמאַן — האָט מר. הילמאַן געגלענצענד באַוויזן אין אָט־דעם אויפטריט זיינעם. אין זיין 45־מינוטיגער רעדע, אַלס איינלייט־וואָרט צום פאַרהער, איז אים געלונגען צו באַווייזן אַז: 1) די „פּעק“ איז ניט פאַראינטערעסירט צו גרינדן אַ דריטע פּאָליטישע פּאַרטיי, פּונקט ווי עס איז ניט איר אַמביציע צו פאַרכאַפּן אירגענד וועלכע פון די 2 הויפּט־פּאַרטייען, נאָר אַז זיינע „קאָמיטעס“ זיינען אויסן צו באַאיינפלוסן די פּראָגראַמען און דעם אויסוואַל פון קאַנדידאַטן פון ביידע פּאַרטייען — כדי אַז אין דעם שפּיל צווישן ליכט און פינצטערניש, צווישן דעם וועג וואָס פירט צום באַרג־אַראָפּ פון פאַשיזם און צווישן דעם וואָס פירט צוריק צו הואָווער׳ס עפּאָלאַך זאָלן די אַרבעטער און די אַנדערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג ווי געהעריג אויפגעקלערט און געוואָרנט ווערן וועגן דעם; אַז 2) די דריי הויפּט אויפגאַבן פון „פּעק“ זיינען: א) ברענגען די פראַגן צו דער אויפמערקזאַמקייט פון פאָלק; ב) אויסצונוצן אַ דרוק אויף די מאַסן אַז זיי זאָלן זיך רעגיסטרירן און שטימען און ג) צושטעלן די בירגער אַ רשימה פון קאַנדידאַטן וועלכע אינדאָרסירן די פּראָגראַם פון דער „פּעק“.

אין דער הויפּט־פראַגע פון פאַרהער — די פראַגע פון צוגר. טע געלט־זאַמלונגען איז הילמאַנען געלונגען צו באַווייזן די געלט־כשרות פון די ביידע פּאָליטישע גרופּן וועלכע ער פאַרטרעט. „איך וויל אייך בלויז דערמאָנען“ — האָט מר. הילמאַן געזאָגט — אַז ניט קוקנדיג אויף די באַגרענעצונגען דורך דעם „העטש אַקט“ האָבן די רעפּובליקאַנער און זייערע קאָאָפּערירנדיגע גרופּן געזאַמלט און אויסגעגעבן אין 1940 אַרום 17 מיליאָן דאָלער לטובת זייערע קאַנדידאַטן. די גאַנצע הוצאה פון דער „פּאָליטיקל עקשאָן קאָמיטי“ פון דער סי־אַי־אָ ביז איצט איז היפּש ווייניגער ווי די ביישטייערונגען אין 1940 צו דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי פון בלויז פינף רייכע פאַמיליעס. איך נעם אָן אַז זיי וועלן הייַיאָר זיכער ניט אָפּשטיין פון זייער ביישטייער אין 1940 און אפשר נאָך מיט אַ ווערך. וואָס מיר פאַרמאָגן און וואָס עס פעלט זיי קען ניט געמאָסטן ווערן מיט דער מאָס פון געלט. דאָס קען ניט געקויפט ווערן און פאַר דעם קאָן ניט באַצאָלט ווערן. דאָס איז דער ענטוזיאַזם און די ענערגישע קאָאָפּעראַציע און שטיצע פון מיליאָנען אַמעריקאַנער. מיר האָבן געוואונען זייער שטיצע, ווייל מיר האָבן זיי געבראַכט אַ פּראָגראַם געבויט אויף זייערע נויטן און אויף זייערע אַספּיראַציעס; ווייל מיר ווייזן זיי ווי אַזוי אָט־די פּראָגראַם קען

פאַרווירקלאַכט ווערן אין לעבן אויב זיי וועלן נוצן ווי געהעריג זייע־
רע רעכט אַלס בירגער. אָט־דאָס איז די סיבה און ניט די גרויס פון
אונזער קאסע פאַרוואָס מיר האָבן געוואונען זייער צוטרוי און זייער
גוטן ווילן".

אין דער כאַראַקטעריסטישער הילמאַן־ליניע, וואו אין אַלע זיינע
אַרבעטער־קאַמפּן האָט ער תמיד געזוכט צו געווינען די שטיצע פון
דער אַלגעמיינער עפנטלאַכער מיינונג — איז אים אויך אין אָט־דעם
אַרויסטריט זיינעם געלונגען צו באַווייזן אַז די פּראָגראַם פון דער סי־
אַי־אָ „פּעק" איז ניט קיין ענגע אַרבעטער־פּראָגראַם, אַז זי איז ניט
אויסגעאַרבעט געוואָרן אין די אינטערעסן פון וועלכער עס־איז ספּע־
ציעלער גרופּע, נאָר אַז זי קען דינען ווי אַ באַזיס פאַר אַלע שיכטן
פון פאָלק. אָט־דאָס וועלן תמיד „פאַרקויפן" דעם דורכשניטלאַכן
אַמעריקאַנער בירגער אַז די בעסטע אינטערעסן פון פאָלק פאַלן צו־
נויף מיט די אינטערעסן פון דער אַרבעטערשאַפט פון פאָלק, אָט־
דאָס ניט וועלן פאַרשפּיצן די קלאַסן־אינטערעסן, נאָר פּרובירן גע־
פינען אַ שותפות'דיגן באָדן לטובת דער גאַנצער אינדוסטריע און,
במילא, לטובת דעם גאַנצענעם פאָלק — וואָס דאָס איז איינע פון די
עיקרים פון הילמאַניזם — אָט־אָ־דער אַלגעמיינער אַפּיל פון „זיין"
פּראָגראַם, אַ פּראָגראַם וואָס איז געבויט אויף דעם וואוילזיין פון אַלע
נוצלאַכע און שעפערישע כוחות און פון דער נאַציע — דער אַפּיל
האָט אויך פון אָט־דער רעדע זיינער שטאַרק און ווירדיג גערעדט
צום קאָפּ און צום האַרץ פון אַמעריקע.

טויזנטער צייטונגען אין לאַנד — און אין אויסלאַנד — האָבן
דינסטאָג, דעם 29־טן אויגוסט, געבראַכט פּראָמינענט די נייעס פון
הילמאַנס אויפטריט פאַר דער „ספּעציעלער קאָמיטע פון קאָנגרעס צו
אונטערזוכן קאַמפּיין־אויסגאַבן". די „ניו־יאָרק טיימס", אַ סעמי־אָפּי־
ציעלע צייטונג האָט דעם 1־טן קאָלום אויף דער פראָנט־זייט אָנ־
געהויבן מיט דער הילמאַן־אַפּערע, און די גאַנצע 11־טע זייט פון
„טיימס" איז אויך אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר זיין „סטייטמענט". צענד־
ליגער מיליאָנען אַמעריקאַנער האָבן געלייענט די בריליאַנטענע רעדע
הילמאַנס — אָדער אַ קיצור פון איר — און די פּאָזיציע פון ביידע
„פּעקס" זיינען מיט דעם צווייפלאָז געוואָרן באַפעסטיגט.

נאָך אָט־דער „פּעדער־אין הוט"־רעדע האָט דער רעפּובליקאַנער
קאָנגרעסמאַן טשוירטש גענומען אויספרעגן הילמאַנען זיין ספר־
היחוסין — וואו ער איז געבאָרן געוואָרן און ווי זיין טאַטע האָט גע־
הייסן — כדי (אַ בלינדער האָט דאָס געקענט זען און אַ טויבער —
הערן) — אונטערצושטרייכן הילמאַנס אימיגראַנט'שקייט און זיין אי־
דישקייט. דאָס האָט די רעפּובליקאַנער קיין צו־פיל חן ניט צוגעגעבן
און הילמאַנס פּאָזיציע האָט מיט דעם ביי די רעכט־דענקנדיקע אַמע־
ריקאַנער אויף אַ האָר זיך קיין וואַקל ניט געגעבן. פאַרקערט . . .
דער זון פון אַ גע־רודפ'ט פאָלק האָט דאָ געוויזן אַן אָפּענעם און
סימפּאַטישן פּנים — אַ פּנים פון אַ מוטיגן קעמפער, וועמעס וואָרט
קעמפט פאַר אַלע גרופּן, קלאַסן און ראַסן פון גרויס און ברייט אַמע־
ריקע.

„סוף מעשה במחשבה תחילה" . . .

היינט אין דער פרי (דעם 31־טן אויגוסט), שרייבנדיג אָט־די שורות האָט די פּאָטשט געבראַכט אַ ביכעלע, וואו די ערשטע העלפט פון פראָנט־זייט איז געצירט אין אַ „לעבעדיגער" אַמעריקאַנער פאָן און די צווייטע העלפט אין — גרויסע אותיות אין בלוי: „די פּיפּלס פּראָגראַם פאַר 1944". דאָס ביכעלע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער סי־אַי־אָ׳ס „פּעק". הילמאַנס פּראָדוקט. אָט־דאָס ביכעלע־פּראָגראַם איז ניט סתם די קאַפּריזנע שאַפונג פון אַ דיכטער. ס׳איז דער רעזולטאַט פון אַ קריסטאַליזירטער לעבנס־אנשויאונג — אַ לעבנס־אַנשויאונג וואָס האָט זיך געגומען פאַרמירן מיט יאָרן צוריק. „סוף מעשה במחשבה תחילה" — דער סוף פון דער טאַט איז פאַראַנקערט פריער אין דער מחשבה. איז כדאַי אַריינבליקן אין דעם לעבנסבוך פון הילמאַנס געראַנגלען, כדי אַנצוכאַפּן דאָרט דעם אָנהויב פון אָט־יענער צאַרט־איינגלשער פאַרטראַכט וועגן צוזאַמענפּירן דעם וואָלף מיט דער שעפּס . . .

⁂

ווען סידני הילמאַן איז געבאָרן געוואָרן (דעם 23טן מערץ, 1887) אין זאַגער, קאָוונער גובערניע, האָט אים זיין פאָטער ר׳ שמואל, אַ נאָמען געגעבן שמחה. משנה־שם געוואָרן אויף סידני האָט אים זיינער אַ פעטער אין לאָנדאָן. ער איז ווייט ניט געוועזן קיין בן־יחיד ביי זיין טאַטן—אַ קליינער ווייץסוחר, פון אַ לומדישער און רבנישער משפּחה. אין דער היים זיינען געוועזן נאָך זעקס קינדער. און ווי יעדעס באַלע־באַטיש אינגל, איז ער געגאַנגען אין חדר און שפּעטער אין דער ישיבה ביז אַרום 16 יאָר.

דער ערשטער נסיון אויפן וועג פון זעלבסטשטענדיגקייט באַווייזט זיך אים ווען עס שפּילט אים אונטער די לאַקנדע געלעגנהייט צו קריגן אַ פּרייען „אוראָק" אין רוסיש ביי אַן „אוטשיטעל" וואָס פלעגט זיך מרחם זיין אויף די אָרימערע ישיבה־בחורים, איבערהויפּט אויף די מיט די „גוטע קעפּלאַך". אָט־דער אידעאַליסטישער לערער האָט געהייסן מיכל זכריה׳ס. ווען דער ראש ישיבה האָט זיך דער־וואוסט פון אָט־דער קאָנספּיראַציע האָט ער גלייך וועגן דעם מודיע געוועזן שמחה׳ס פאָטער. דער טאַטע האָט אים גלייך אַריינגעשריבן אַ האַרבן בריוו און אים געסטראַשעט אָפּצושניידן די זעקס־רובלדיגע אַ חודש אויב ער וועט זיך ניט צוריקקערן אויף דעם דרך הישר . . . דער שאַרף פון די 6 רובל גיט אים אַ בליץ פאַר די אויגן, שמחה גיט זיך ווי אַ טשוכע־אויף פון דעם בריוו און פאַרנעמט זיך אין געאייל אויפן וועג צו זכריה׳ס היים — אַ מהלך פון אַ וועלכע 5 „וויאָרסט" וואָס מען האָט געדאַרפט בעטן מחילה ביי די רגלים . . . אויף אָט־דעם וועג פלעגט מען דאַרפן אַריבערגיין אַ בריק איבער דעם טייך וועלייקע, צווישן קאָוונע און סלאָבאָדקע. איינמאָל, אין אַ פרילינג־טאָג, ווען דער שניי איז צעגאַנגען און די וואַסערן האָבן זיך צעיושעט

און האָבן אַראָפּגעשווענקט דעם בריק איז דער איצטיקער אַרבעטער־שטאַטסמאַן שיר־ניט דערטרונקען געוואָרן אין די דאָרטיקע זומפּן.

ווען שמחה׳ס טאַטע האָט געהאַלטן זיין סטראַשונאַק, האָט דער פלייסיקער עקסטערניק דערפילט דעם טעם פון „כלה פרוטה מן הכיס״ . . . זיין לערער האָט אים, אָבער, ניט געלאָזן פאַלן. ער האָט פאַר אים געקראָגן אַ שטעלע אין זיין פעטער׳ס, דר. מאַטיס׳עס כעמישע לאַבאָראַטאָריע, וואו עס האָט זיך פאַר אים מיט אַ מאָל געעפנט אַ נייע וועלט, — אַ וועלט פון וויסנשאַפט און קולטור. דעם דר. מאַטיס׳עס הויז איז געווען אַ „בית ועד לחכמים״. ביי אַ טייל פון אָט־די מאַטיס־באַזוכער איז איינמאָל איינגעפאַלן אַ געדאַנק צו גרינדן דאָרט אַ מין אוניווערסיטעט. און כך הוה. דער אוניווערסיטעט איז געוואָרן אַ פאַקט. די סטודענטן־לערער פלעגן זיך צונויפזאַמלען איינמאָל אין אַ חודש. אויף אָט־דער ניט־געוויינלעכער אסיפה פלעגט ווער ליינען אַ רעפעראַט וועגן סאָציאָלאָגיע, געאָלאָגיע, אָדער איבער דעם דאַרוויניזם און די מסובים פלעגן נעמען אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע. אויך שמחה איז צוגעצויגן געוואָרן צו אָט־דעם קרייז, כאָטש ער אַליין האָט געמוזט פילן אַז ער איז אין אַ סך פון די דיסקוטירטע ענינים אַ רויער.

מיט דער צייט איז אָט־דער „קרוזשאָק״ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סעמי־פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע. חברה האָט ערגעץ־וואו געפּאַקט אַ העקטאָגראַף, אויף וועלכן מען פלעגט „דרוקן״ פּאַמפלעטן, רעדעס. שמחה׳ס פונקציע אין אָט־דער עכטער קאָנספּיראַטיווער טעטיגקייט — אין וועלכער ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט דעם עכטן פייער און ברען פון דער יוגנט — איז באַשטאַנען אין אויסבאַהאַלטן דעם העקטאָגראַף און אין פאַרשפּרייטן די פּראָקלאַמאַציעס. אין יענער צייט פירט ער אויך דורך זיין ערשטע אָרגאַניזאַטאָרישע יוניאָן־טאַט — ער אָרגאַניזירט די שריפטזעצער פון קאָוונע.

1905 געפינט אים אין הויכן עלטער פון 18 יאָר. ער איז אין פולן פלאַקער פון דער דעמאָנסטראַציע. ער פאַלט אַריין אין די הענט פון דער פּאָליציי, פאַרזוכט דעם מחיה׳דיגן טעם פון קאָזאַקישע נאַגאַיקעס און פינצטערט אָפּ 6 חדשים אין דער צאַרישער חד־גדיא. דאָס איינציקע העלע און שטראַלנדיקע אין טורמע איז די זעלבסט־בילדונג וואָס ער קען פאַרזעצן. די שענסטע רוסישע „נשמות״ זיינען דאַן געווען הינטער די גראַטעס. גליקלעכערווייז, האָבן די שומרים פון יענער תפיסה זיך מיט חסד באַצויגן מיט די פּאָליטישע פאַרשיקטע, ביז 6 פאַרנאַכט פלעגן אַלע צעלן זיין אָפן און די בידנע זינדיקע פלעגן „רייבן עלנבויגנס״. מע פלעגט דאָרט דורכפירן לעקציעס, מע פלעגט אַריינשמוגלען טריפה ביכער און בראָשורן און אַרויסשמוגלען נאָך טריפה׳רע אַרטיקלען און פּראָקלאַמאַציעס פאַר אונטערערדישע רוסישע זשורנאַלן. אין משך פון די 6 חדשים איז ער געוואָרן אַ ידען אין די טעאָריעס פון אַדאַם סמיט און קאַרל מאַרקס, האָט געוואוסט דעם אונטערשייד פון קראָפּאָטקינ׳ס וועלט־אַנשויאונג ביז פּלעכאַנאָוו׳ס און האָט זיך געפילט היימיש אין די שריפטן פון בעבעל און לאַסאַל.

די 6 חדשים פון זיין זעלבסט־בילדונג האָבן אים קענטיג „פאַר־ליובעט", ווייל גלייך נאָך זיין באַפרייאונג ווערט ער ווידער אַרעס־טירט — דאָס מאָל אויף 4 מאָנאַטן. ער שטייט איצט פאַר דער ברירה: פירן אַ לעבן פון שטענדיגער קאָנספּיראַציע, מיט גלות־סי־ביר פאַרן אויג, אָדער — אַנטלויפן פון רוסלאַנד. און — ער אַנט־לויפט קיין ענגלאַנד צו זיינעם אַ פעטער, אַ סוחר, וועלכער פאַרנו־דיעט אים מיט כל'ערליי ביזנעס־פּאַרשלאַגן. איינזעענדיג אַז ער איז ניט געבאָרן פאַר ביזנעס, באַשליסט ער־צו קומען קיין אַמעריקע — אין לאַנד וואו מען דאַרף ניט קיין „ראַזרעשעניעס", קיין פּאַספּאָרטן — די לעגענדאַריש־לאַקנדיגע מדינה — אָן אַ צאַר, אָן אַ מושל — דאָס לאַנד פון פרייהייט.

צו 20 יאָר קומט הילמאַן אָן קיין אַמעריקע. די נסיעה פון לי־ווערפּול ביז עליס איילענד האָט אים גענומען ניין טעג. דעם 10־טן אויגוסט, 1907 איז ער שוין געשטאַנען אויפן געבענטשטן באָדן פון קאָלאַמבוסעס מדינה.

שיקזאַל ברענגט אים קיין שיקאַגאָ און אַכט האָלער אַ וואָך איז זיין ערשטער פאַרדינסט אין אַמעריקע אַלס קלוירק אין דער קינ־דער־אָפּטיילונג פון סירס ענד ראָבאַק. אין זיין פרייער צייט ווערט ער ניט מיד שלינגענדיג ביכער. חוץ לייענען רוסישע און אַלגעמיינע לי־טעראַטור באַזוכט ער דאָן די נאַכט־קורסן פון דעם „היברו אינסטי־טוט".

אין 1909 האָט הילמאַן געשטעלט די ערשטע טריט אויפן בריטן שליאַך פון זיין לעבנס־שליחות: ער האָט געקראָגן אַ לערנער־שטעלע אין דער פעקטאָרי פון „האַרט, שעפנער און מאַרקס" — צו לערנען זיך די אַריסטאָקראַטישע אַרבעט פון אַ קאָטער — וואו ער האָט גע־אַרבעט 8 וואָכן אָן וועלכן ס'איז געהאַלט. נאָך די אַכט וואָכן האָט ער אָנגעהויבן מיט 6 דאָלער אַ וואָך, ביז זיין געהאַלט האָט דערקלעטערט די הויך פון 11 דאָלער אַ וואָך. מען פלעגט שמועסן אַז קיין גוואַל־דאָוונער מייסטער איז ער ניט געווען. זיין קאָפּ איז גיכער געלעגן אין ביבליאָטעק, עטלאַכע בלאָק פון שאָפּ, וואו ער פלעגט לויפן אַהין ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ פרייע מינוט.

בינו לבינו איז אונטערגעקומען דאָס יאָר 1910. דער צושטאַנד פון דער „קלאָדינג"־אינדוסטריע יענעם יאָר איז געווען ווייט פון גלענצנד. די קאָנקורענץ צווישן די אַלץ־מערנדיגע פירמעס איז גע־ווען אַ גאָרגל־שניידנדיגע. יעדער עטוואָס־דערפאָלגרייכער אַרבעטער וועלכער האָט דערצו געקענט צונויפקלאַפּן עטלאַכע דאָלער, צי קריגן די מינדסטע קרעדיט, האָט געקאָנט ווערן אַ קאָנטראַקטאָר. ער פלעגט דינגען עטלאַכע רומקעס, עטלאַכע ניי־מאַשינקעס און די איבעריקע—האַנט־אַרבעט. אויף אַזעלכע ווילדקייטן ווי „סאַניטאַרע באַדינגונגען", „געהעריגע ליכט", „באַגרעניצטע אַרבעטער־שטונדן"—אויף אַזעלכע ווילד־און־וויסטע רייד האָט זיך קיינער ניט אומגעקוקט. די מענער־קליידער אַרבעטער זיינען, מערסטנס, געווען אימיגראַנטן — פון פאַרשיידענע פעלקער און ראַסן. מען האָט מערסטנס געאַרבעט שטיק־

אַרבעט, און די פּרייזן פון אַרבעט פּראָדוקט ווי די מאָדעס זיינען ניט געווען קיין סטאַבילע. דער ניט־אָריענטירטער אימיגראַנט איז דאָ געווען הילפלאָז לגבי די כל׳ערליי מאַכינאַציעס און דריידלאַך מיט וועלכע די פּיפיגע באַלעבאַטים זיינען תמיד גרייט געווען צו פאַרדרייען דעם אַרבעטער זיין קאָפּ.

דער 22־טער סעפּטעמבער, 1910 איז, בכן, אַ דאַטע אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. אַ פערטל פּעני איז געווען די יחוס׳דיגע פונק וואָס האָט אָנגעצונדן דעם גרימצאָרן פון די אַרבעטער וואָס האָבן אין זייער גאַנצענער דעמאָלטדיגער הילפלאָזיגקייט און דערשלאָגנקייט שוין מער ניט געקענט אַריבערטראָגן די שקלאַפעריי. ווי פריער באַמערקט, האָבן די מערסטע אַרבעטער ביי מענער־קליידער געאַרבעט פון שטיק. פאַר צונויפשטעפן אַ פּאָר הויזן פלעגן זיי דאַן קריגן 4 סענט. און אָט־די 4 סענט איז די באַלעבאַטים געווען גרויס אין די אויגן. האָבן זיי פון דעם אַרונטערגעריסן אַ פערטל פּעני. זיינען 14 „סימערס“ פון שאַפּ נומער 5 פון „האַרט, שעפנער און מאַרקס“ אַרונטער אין סטרייק. דעם נעקסטן טאָג איז שוין אַ טויזנט מאַן געווען אין דרויסן און אין משך פון דריי וואָכן האָבן שוין 35 טויזנט קלאָדינג־אַרבעטער געוואָרפן די אַרבעט. אויף אַזאַ אויפשטאַנד — רעוואָלוציע ממש — האָט זיך דער גרעסטער אָפּטימיסט ניט געריכט. דער שאָטן פון אַ יוניאָן וואָס האָט דאַן עקזיסטירט מער אויפן פּאַפּיר ווי אין לעבן — „די יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס“ — אַז געווען געגן דעם סטרייק (אָט־די כמו־יוניאָן איז געווען אַ טייל פון דער „אַמ. פעד. אָוו לייבאָר“). אין דער ניט־אָרגאַניזירטער און צעשוואומענער מאַסע סטרייקער האָבן די קאַטערס פאַרנומען אַ בכבוד׳יגע פּאָזיציע. מען האָט זיי געהאַלטן פאַר די אַריסטאָקראַטן פון פאַך. זיי זיינען געווען קוואַליפיצירטע אַרבעטער און ס׳איז זיי שווער געווען צו פאַרבייטן יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג אויף סתם אַרבעטער. אויף צו שטאַרקן דעם מוט פון די סטרייקער האָט די קאַטערס־גרופּע שוין דאַן דעלעגירט דעם גרינעם הילמאַן, וועלכער איז קוים אַ יאָר געווען אין טרייד צו קאָנפערירן מיט די שניידער. די קאַטערס האָבן שוין דאַן געמוזט אין אים זען סמנים פון פירערשאַפט: אַ גוטן און אַ גראַדן מוח, פעסטע מיינונגען און פּרינציפּן און וואו ס׳האָט נאָר געברויזט מיט טעטיגקייט איז ער תמיד געווען אין מיטן פון פייער.

דאָס אַרויסגיין אין סטרייק פון צענדליגער טויזנטער אימיגראַנטישע אַרבעטער אין שיקאַגע האָט געצונדן די פאַנטאַזיע פון פאָלק. די יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס האָט ניט אויפגעהויבן קיין פינגער אין דעם גאַנצענעם געטומל ביז וואַנען דער רעדאַקטאָר פון „שיקאַגאָ דעילי סאָשעליסט“ האָט ניט גענומען סטראַשען מיט רופן אַ גענעראַל סטרייק. ערשט דאַן האָט די „שיקאַגאָ פעדערייִשאָן אָוו לייבאָר“ זיך אויסגעטשוכעט פון שלאָף, האָט „דערזען“ דעם סטרייק, און האָט געשאַפן אַ היפּשע סומע געלט פאַר די סטרייקערס, כאָטש, למען האמת זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז די גרעסטע הילף פאַר די

סטרייקערס איז גראַד געקומען פון סתם ליבעראַלן, מערסטנס טועדינס פון דער „ווימענס טרייד יוניאָן ליג”. דער סטרייק האָט זיך דאַן אָנגעהויבן צו צעוואַרימען. 18 מיטינגען אין די גרעסטע זאַלן פון שיקאַגע-פּלעצער די סטרייקער דורכפירן טעגלאַך. ס'האָט געפיבערט מיט טעטיגקייט אַרום דער פּיקעט-קאָמיטע, מיט געשלעגן און אַרעסטען פון סטרייקערס מצד דער פּאָליציי און פּריוואַט-דעטעקטיווס. די געשלעגן און אַרעסטן האָבן דערגרייכט דעם הויך-פּונקט אין דעצעמבער, ווען 2 פּיקעטס זיינען דערשאָסן געוואָרן. דאָס האָט אַריינגעבראַכט די סטרייקערס אין געטלאַכן גרימצאָרן. זיי האָבן זיך נאָך מער אַריינגעוואָרפן אין קאַמף געגן שקלאַפעריי. זייער נשמה, די פּראָלעטאַרישע האָט דאַן געקראָגן דעם ריכטיגן תיקון. אין אַ באַגלייט-מאַרש נאָך איינעם פון די מאַרטירער זיינען טויזנטער נאָכגעגאַנגען מיט מוט אין האַרצן, מיט אַנטשלאָסנקייט אינם טראָט — צו קעמפן ביזן ענדגילטיגן זיג.

איינער פון די סמנים מובהקים פון דעם בּאַרופענעם פירער וואָס ווייזט זיין אמת'ן פּנים איז — ווען ער קומט מיטן ריכטיגן וואָרט אין דער פּאַסיגער צייט. הילמאַן איז ניט געווען קיין מיטגליד אין דעם סטרייק-קאָמיטעט. ווען דער געבאָט פון מאָמענט האָט אים געפאָדערט איז ער דערשינען אויף דער אַרענע. דער פּרובירשטיין איז געווען ריקערטס אופן פון סעטלען דעם סטרייק. דער פּרעזידענט פון „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס” האָט דאָ געמאַכט דעם חשבון אָן דעם באַלעבאָס — אָן די סטרייקער און אָן זייער קאָמיטע. די סטרייקער, לערנענדיג אַ פיינעם קאַפּיטל קלאַסן-קאַמף אין אָטדעם סטרייק, האָבן זיך, אָבער, ניט געלאָזן „נעמען אויף זיכער”. מען האָט באַלאַגערט דעם יוניאָן-אָפיס, ביז דער פּרעזידענט בכבודו ובעצמו, האָט געמוזט אַרויסגיין און אויסהערן דעם העכערן — דעם העכסטן — פּסק-דין — דעם משפּט פון המון-עם. דער „פּאַרוועריטס” איז דאַן אַרויס מיט אַ ספּעציעלער שיקאַגער אויסגאַבע, דערציילנדיג דעם אמת וועגן דעם אַזוי-געראופענעם „סעטלמענט” און רופנדיג די סטרייקערס צום וויטערדיגן קאַמף. און ווען די שניידער האָבן זיך פאַרזאַמלט אין „האַד-קעריערס האַל” צו „האַנדלען אין דער פראַגע” האָט זיך דאָרט, ליידער, דערזען דער דעמאָראַליזירנדיגער איינפלוס פון ריקערטס טאַט. ס'איז אוממעגלאַך געווען אָנצופירן מיט דעם מיטינג. די געשרייען זיינען דערגאַנגען עד לב השמים: אַלע האָבן גערעדט אין איין קול. און אין מיטן פון אָט-דער טומאַטאַכע — ווי זיין טבע איז — האָט זיך ווי־עס איז דער יונגער און שלאַנקער הילמאַן דורכגעשאַרט צו דער פּלאַטפאָרמע און האָט פּרובירט „נעמען דאָס וואָרט”. נאָר גיי שטעל אָפּ די כוואַליעס פון אַ שטורמישן ים!

וואַרפט אים אַרונטער!
ווער איז ער דאָרט, דער גרינהאָרן?!

הילמאַן האָט זיך, אָבער — ווי אַ געבאָרענער פירער — ניט פאַרלאָרן. מיט רואיגקייט אויף זיין פּנים און מיטן טיפן ערנסט אין זיין בליק האָט ער איינגעשטילט דעם עולם און מיט דער אייזערנער

לאָגיק פון זיין רעדן האָט ער געשטורעמט און געוואונען די האַרץ פון די סטרייקער. הילמאַנס ערשטע הויפּט־רעדע אין אַמעריקע, וועלכע איז, אגב, געווען אין ענגליש, האָט געפירט צו אַ כמעט־איינשטימיגער צוריקווייזונג פון ריקערטס „סעטלמענט" מצד די סטרייקער און האָט הילמאַנען אַוועקגעשטעלט אין די אויגן פון דעם עולם ווי אַ געבענטשטן פירער.

אין קאָנטראַסט צו דעם ריקערט־טיפּ יוניאָן־פירער וועלכן הילמאַן האָט ערשט באַזיגט זיינען, אָבער, אויך געווען הורראַ־רעוואָלוציאָנערן אין יענער צייט (און אין אַלע צייטן) וואָס מיט זייער היציגן עקסטרעמיזם זיינען אַזוי געווען ניט ווייניגער געפערלאַך (לויט הילמאַנס איינשטעל) פאַר די אַרבעטער ווי די פאַרגליווערטע כמו־ריקערט יוניאָן־ביוראָקראַטן. דער אָנגעזעענסטער צווישן זיי איז געווען דער פלאַמיגער אַגיטאַטאָר און „אַי־דאַבליו־דאַבליו"־פירער וויל העיוואוד. וויל איז געוואָרן פאַר הילמאַנען אַ פּראָבלעם. די געפאַר „העיוואוד" איז, לויט הילמאַנס וועלט־אַנשויאונג, באַשטאַנען אין דעם וואָס דער העיוואוד־טיפּ אידעאָלאָג האָט נאָר געקענט אויפפלאַמען אַן עולם, אים פירן אין פייער פון קאַמף און, אָפט, אויפן וועג צו נצחון, — ער האָט, אָבער, ניט געהאַט די פייאיגקייט און איז פון דער השגחה ניט באַזעסן, געווען פון אַ געמיט אויף אויפצושטעלן אַ מאַשינעריע אויף קענען שניידן און איינזאַמלען די פּרוכט פון דאָס פאַרזייטע. דער רעאַליסטישער אידעאַליסט הילמאַן האָט געזען דעם שטרויכלענדיגן וועג אויף וועלכן העיוואוד וויל פירן די מאַסן און האָט געהאַלטן אויף אים אַן אויג. מיט פיינעם טאַקט פון אַ געאיבטן סטראַטעג האָט ער, מיט דער הילף פון זיינע פאַרבינדעטע, אַזוי מאַנעווורירט, אַז דאָס באַזייטיגן פון העיוואוד'ן זאָל ניט אַרויסקומען ווי אַ האַמעטנער אַקט און דערמיט, פיליכט, אַרויסרופן געגן זיך דעם צאָרן פון די מאַסן, וועלכע זיינען ניט זעלטן געפאַלן אַ קרבן אויפן מזבח פון דער הייסער פראַזע. האָט מען העיוואוד'ן מקרב געווען (אדרבא ואדרבא), אים געלאָזן אויפטרעטן אין צייט פון סטרייק אָבער צו־נאָענט האָט מען אים דאָך ניט צוגעלאָזן. הילמאַן האָט דעם פּראָבלעם העיוואוד געלייזט אַלגעברייאיש: אידעאַליזם פּלוס רעאַליזם גלייכט זיך מיט הילמאַניזם.

ווי גאָרקי אין זיינע „אוניווערסיטעטן", אַזוי האָט הילמאַן אין אַט־יענעם סטרייק געלערנט גאָר־ניט־ווייניג לעבנס־וויזהייט. ער האָט זיך אויסגעלערנט ניט צו פאַרלירן זיך אין אָנגעזיכט פון המונ'ס צאָרן — אויב דער המון איז אין געגעבענעם מאָמענט ניט אָריענטירט, איז פאַרפירט — און אָנשטאָט דעם אָנווענדן פיינעם טאַקט און מיט קורץ־פאָרמולירטער און שלאָגנדער חכמה באַזיגן דעם שונא; ער האָט אין אַט־דעם סטרייק אויך איינגעזען די וויכטיגקייט פון אויסנוצן ווי געהעריג דעם מאַסן־ענטוזיאַזם און אים קאַנאַליזירן אין דער ריכטונג פון רעאַלע פאַקטן, אין דער ליניע פון ממשות'דיגע דערגרייכונגען פאַר דעם עולם. באַטרעטנדיג דעם וועג פון אַן ערשט־ראַנגיגן פּראָלעטאַרישן פּאָליטיקער, האָט ער אין דעם ערשטן — צי אין איינע פון די ערשטע — גראַנד־פאַרמעסטיגן געפעכט צווישן

קאַפּיטאַל און אַרבעט פֿאַרשטאַנען די וויכטיגקייט פון געווינען די סימפּאַטיע פון דעם צד השלישי — פון דעם „ווערטן פּובליקום" — לטובת די סטרייקער. זיין דערקלערן צו פאַרזיצערשאַפט פון „בעשאַבאַל סיטיזענס פּאָליטיקעל עקשאָן קאָמיטי" איז דער דערפאָלגרייכער סוף פון אַ מאַרשרוט וואָס הילמאַן האָט אָנגעהויבן אין 1910 מיטן אַריינציען דעם ליבעראַלן עלעמענט פון דעם „ווימענס טרייד יוניאָן ליג"־עלעמענט און ענלאַכע עלעמענטן פון ליבעראַלן און פּראָגרעסיוון בירגערטום אין שיקאַגע. קלאַרענס דאַראָו און דזשעין אַדאַמס זיינען געווען די ליבעראַל־בירגערלאַכע עלטער־פּעטערס און עלטער־מומעס פון די לואיס אַדאַמיקס און פון די עטל דיופּאַנטס פון 1944.

„סוף מעשה במחשבה תחילה" — פון הימל איז הילמאַן ניט אַרונטערגעפאַלן אויפן בכבודיגן פאַרזיץ־שטול אַלס גענעראַליסימאַ פון די ליבעראַלע און פּראָגרעסיווע מחנות אין אַמעריקע. ס'איז אַ סברא, אַז פאַרטראַכט זיך וועגן דעם האָט ער נאָך אין 1910.

⁂

איז די תורה געשאַפן געוואָרן צוליב די אידן אָדער די אידן — צוליב דער תורה?

שמחה (סידני) הילמאַן האָט גענוג יאָרן „געקוועטשט די באַנק", אַז ער זאָל אַפילו איצט, ווען ער האָט שוין איבער 40 יאָר ניט געהאַלטן קיין גמרא אין האַנט, ניט פאַרשטיין די אויבן־געשטעלטע פראַגע. און אין ליכט פון אָט־דער סאָרט פאָרמולע האָט ער פּרובירט זען, פאַרשטיין און מסביר זיין צו אַנדערע אַ ריי אַליין־פאַרפּלאָנטערנדיגע פּראָבלעמען.

אָט־טאַקע דער ענין סטרייקס. וואָס זיינען געווען סטרייקס ביז הילמאַנען און וואָס איז געווען זיין אויפטו זיין ליניע, זיין סטראַטעגיע אויף אָט־דעם פּראָלעטאַרישן שלאַכטפעלד? דער ריכטיגער ענטפער אויף דעם וועט אַוועקשטעלן אין דער געהעריגער ליכט דער אַמעריקאַנער געלער און רעאַקציאָנערער פּרעסע, וועלכע איז איצט, ערב די פּרעזידענט־וואַלן, פול מיט הילמאַנס נאָמען. „לעזט מען די אַמעריקאַנער פּרעסע" — שרייבט דער באַוואוסטער זשורנאַליסט און פּאָליטישער קאָמענטאַטאָר ש. ז. צוקערמאַן (זע „טאָג", פון מיטוואָך, דעם 20־טן סעפּטעמבער, 1944) — „ספּעציעל די פּרעסע פון די קאָנסערוואַטיווע און רעאַקציאָנערע לאַגערן, באַקומט מען דעם איינדרוק, אַז די איינציגע וויכטיגע פיגור אין אונזערע היי־יאָריגע נאַציאָנאַלע וואַלן איז סידני הילמאַן. עס זיינען דאָ צייטונגען, וואָס גיבן אָפּ מער פּלאַץ צו דעם טשערמאַן פון דער סי. אַי. אָ. פּאָליטיקעל עקשאָן קאָמיטע, ווי זיי שענקען צו אַלע אַנדערע פּאָליטישע אַנטוויקלונגען און מלחמה־נייעס צוזאַמען. מיר האָבן פאַר זיך דעם בזמער „דזשורנאַל אַמעריקען" פון לעצטן מיטוואָך, אין וועלכן עס זיינען דאָ צוויי פאַרשיידענע

באַריכטן, אַרטיקלען, קאָלומס און עדיטאָריעלס, וואָס באַהאַנדלען די טעטיגקייטן פון „פּעק" (פּאָליטיקאַל עקשאָן קאָמיטע) און איר טשעדמאַן. צוזאַמען פאַרנעמען די באַריכטן און אָפּהאַנדלונגען אַן ערך עלף קאָלומס, און הוירסט'ס נאָכמיטאָג־צייטונג אין ניו־יאָרק איז איצט ניט באַזונדערס גרויס. פון פיר ביז זעקס זייטן ווערן געוויינלאַך אָפּגעגעבן פאַר אַלערליי נייעסן.

„נעמט אין באַטראַכט, אַז די מלחמה־נייעס פון אַלע פראָנטן איז איצט פון גרעסטער באַדייטונג. אין קוויבעק האָט מען געפירט היסטאָרישע פאַרהאַנדלונגען צווישן פּרעזידענט רוזוועלט און פּרעמיער טשוירטשיל. אין וואַשינגטאָן (דאָמבאַרטאָן אָוקס) האַלט נאָך אָן די קאָנפערענץ וועגן מיטלען, דורך וועלכע מען קאָן האָפן אָנצוהאַלטן פרידן. דער קאָנגרעס ראַנגלט זיך ·נאָך מיט פאָרשלאַגן, וואָס באַצוועקן אָנצוהאַלטן עקאָנאָמישע סטאַביליזאַציע נאָך דער מלחמה. עס פעלט אויך ניט די געוויינלאַכע פּאָרציע פון לאָקאַלע נייעס, עקסידענטן, פאַרברעכנס און אַנטוויקלונגען אויפן אינדוסטריעלן פראָנט — פונדעסטוועגן דערלויבט זיך דער „דזשורנאַל אַמעריקען" אַוועקצוגעבן ביז 30 פּראָצענט פון זיין פּלאַץ פאַר לעזע־שטאָף צו דעם איין ענין פון סידני הילמאַן און זיין פּאָליטישער טעטיגקייט. דאָס איז אַ זעלטענע דערשיינונג אַפילו אין דער אַמעריקאַנער געלער פּרעסע.

„אָן צווייפל, אַז די געגנער פון דער רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע זיינען איבערצייגט, אַז וואָס מער זיי וועלן אַרויסשטעלן דעם „אויסלענדער" און דעם אַרבעטער־פירער סידני הילמאַן אַלס די דאָמינירנדיגע פיגור אין די הייַיאָריגע וואַלן, אַלץ מער וועלן זיי העלפן זייער קאַנדידאַט".

די געלע און רעאַקציאָנערע פּרעסע וויל דאָ אַריינקנעלן מיט דעם ניט־אָריענטירטן עולם אַ געוויסן געמיינעם נייעם סינאָנים: „אויסלענדער" איז דער סינאָנים פון אַרבעטער־פירער. והא ראיה: הילמאַן! און וואָס זאָלן מיר זיך דאָ נאַרן? מען קלאַפּט אַזוי לאַנג אין די גולמ'עוואַטע מוחות ביז מען האַמערט אַריין. און מיליאָנען אַמעריקאַנער גלויבן באמונה שלמה אַז ראַדיקאַליזם, יוניאָניזם, סטרייקס זיינען אימפּאָרטירטע, טריפה'נע „גרינע" סחורה וואָס מען וויל מיט גוואַלד פאַרקויפן דעם סאָלידן, סטאַטעטשנעם אַמעריקאַנער.

אַז דער אמת איז פונקט דער היפוך וועט זיין, אפשר, אַן איבערראַשונג פאַר פיל אידישע לייענער. די רעוואָלוציאָנערסטע אַרבעטער אין דער וועלט זיינען אפשר די אַמעריקאַנער. אין קיין לאַנד האָט זינט יאָרהונדערטער ניט געבושעוועט אַזוי די סטרייק־מגפה ווי אין אמעריקע. און ניט איין אידישער לייענער אפילו גלויבט אז דאָס האָבן די אידן אין משך פון די לעצטע 50־60 יאָר אַריינגעשמוגלט אין קאָלאָמבוסעס מדינה דעם וואָרט און דעם באַגריף „סטרייק". זאָל מען דעריבער עס גוט איינ'חזר'ן אַז, אַז — איבער הונדערט יאָר, איידער ס'האָט זיך (אין די אַכציגער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט) אָנגעהויבן די אידישע מאַסן־אימיגראַציע אין די פאַראייניגטע שטאַטן, איז שוין

אין אַמעריקע געווען אַ גאָר־ניט־שלעכט־אָרגאַניזירטע ארבעטער־באַ־
וועגונג — אַ באַוועגונג אין וועלכער אידן האָבן כמעט — אָדער אָן
אַ כמעט — קיין שום ראָליע דאַן ניט געשפּילט. אזוי ווייט ווי אין
1786 האָט מען שוין געוואוסט פון אַ סטרייק אין אַמעריקע. דאָס האָבן
געסטרייקט די שריפטזעצער פון פילאַדעלפיע פאַר אַ מינימום גע־
האַלט פון 6 דאָלער אַ וואָך. זעקס יאָר שפּעטער האָט אין דער זעל־
בער „פאַרשלאָפענער" שטאָט אויסגעבראָכן אַ סטרייק פון די שוס־
טער. נאָך די סטרייקס פלעגן טאַקע די מערסטע דעמאָלטדיגע יו־
ניאָנס צעפאַלן, אַזוי, אַז מען קען זאָגן אַז די געשיכטע פון דער אמע־
ריקאַנער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג אין די 18־טע און אין 19־טע יאָר־
הונדערטער איז אַ געשיכטע פון סטרייקס. אָבער געסטרייקט האָט מען
אויף טיש און אויף בענק און אזוי מיט התמדה. און געסטרייקט האָבן
אַלץ ניט־אידן. ווייל אידן זיינען פּשוט געווען דאַן ווייניג אין לאַנד און
נאָך ווייניגער איז געווען די צאָל פון אידישע ארבעטער און גאָר־גאָר
ווייניג די צאָל פון יוניאָן־באַוואוסטזיניגע אידישע ארבעטער. פאַר־
קערט, אויף אידן פלעגט מען אין די יוניאָן־קרייזן קוקן אזוי ווייט
אין די אַכציגער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט ווי אויף סטרייק־ברע־
כער. אזוי דערציילט בפירוש דער ערשטער סעקרעטאר פון „די פאַר־
אייניגטע אידישע געווערקשאַפטן", ב. וויינשטיין, אין זיין בוך „די אי־
דישע יוניאָנס אין אַמעריקע". ס'איז וויכטיג דאָ, דעריבער, צו געבן
וויינשטיינס פולן אויסצוג וועגן אָט־דעם פאַקט. אויף זייט 81 פון זיין
בוך שרייבט ער:

„אין מיין בוך „פערציג יאָר אין דער אידישער אַרבעטער־באַ־
וועגונג" האָב איך אויספירלאך באַשריבן ווי אזוי איך האָב זיך אין
אָנפאַנג פון די אכציגער יאָרן באַקענט מיט סעמיועל גאָמפּערס'ן, אר־
בעטנדיג צוזאַמען מיט אים אויף איין סיגאַר־פאַבריק. דעמאָלט איז
ער נאָך ניט געווען דער פרעזידענט פון דער אַמעריקען פעדעריישאָן
אָוו לייבאָר, האָט ער פאַרלאָזן דעם דזשאָב. אַוועקגייענדיג פון שאָפּ,
האָט ער מיר געגעבן דעם אַדרעס פון זיין נייעם אָפּיס און איינגע־
לאַדן מיך צו קומען אים דאָרט באַזוכן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָב
איך טאַקע באַזוכט דעם אָפּיס פון דער אמעריקען פעדעריישאָן אָוו
לייבאָר, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אין ניו־יאָרק, אין אַ קליינער
פּריוואַטער הויז, אויף דער אַכטער סטריט וועסט־סאַיד, וואָס מען
רופט איצט „גרינוויטש ווילעדזש". דער אָפּיס איז ניט געווען קיין
גרויסער, בלויז איין קלוירק האָט דאָרט געאַרבעט. „בראָדער סעם",
ווי אַלע ארבעטער האָבן גאָמפּערסן גערופן, האָט מיך פאָרגעשטעלט
פאַר א פאָר אײַרישע ארבעטער־פירער און ער האָט זיי דערציילט, אַז
איך ארבעט צו אָרגאַניזירן די גרינע אידישע ארבעטער פון דער
איסט־סאַיד. „ — אָ, האָט אויסגערופן אַן איירישמאַן — וואו נאָר
מיר האָבן אַ סטרייק, ברענגט מען גלייך די גרינע רוסישע אידן
„ — מיר וועלן שוין אויף דעם אויפפּאַסן . . . — האָב איך דעם
איירישמאַן צוגעזאָגט".

פולע 30 יאָר האָט גענומען אָט־דאָס אויפּפּאַסן. ווייל מאַסאָווע
אידישע ארבעטער־יוניאָנס אין אמעריקע וואָס זאָלן ווערט זיין דעם
נאָמען האָבן אָנגעהויבן אויפקומען ערשט אין 1910. און אין דעם

פּיער פון סטרייק אין „האַרט, שעפנער און מאַרקס” האָט זיך אין די
יאָרן פון 1910 און 1911 גענומען לייטערן איינע פון די מעכטיגסטע
אידישע יוניאָנס אין אמעריקע — די אַמאַלגאַמייטעד. און אין אַט־
דעם סטרייק, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 22־טן סעפּטעמבער
1910 און האָט זיך פאַרענדיגט דעם 14־טן יאַנואַר, 1911 איז געקו־
מען צום אויסדרוק אַן אינטעגראַלער טייל פון הילמאַנס סאָציאַל־עקאָ־
נאָמישער וועלט־אַנשויאונג וואָס איז דאַן, אפשר, פאַר הילמאַנען אליין
ניט גענוג קלאָר געווען. די טעאָריע איז, אָבער, געווען אריינגעוואָקסן
אין דער טאַט. וואָס איז געווען די טאַט? — דער אופן פון „סעטלען”
דעם סטרייק. עטלאכע פאַרזוכן זיינען געמאכט געוואָרן פון איינפלוס־
רייכע מענטשן אין שיקאַגע צו שליכטן דעם פאַרצויגענעם סטרייק.
איין פאָרגעשלאָגענער פּלאַן, וואו די פירמע זאָל קענען דיסקרימינירן
געגן די אַקטיווע סטרייק־אָנפירער ביים צוריק אָנשטעלן איז פון היל־
מאָנען אליין באַקעמפט געוואָרן. אָבער ווען דער פונקט פון דיסקרי־
מינאַציע איז מצד די באַלעבאטים צוריקגעצויגן געוואָרן און א שמץ
פון יוניאָן־אָנערקענונג איז געגעבן געוואָרן האָט זיך הילמאַן אָן דעם
אָנגעכאַפּט און האָט שווער געקעמפט מיט די סטרייקער (וועלכע האָבן
דעם מינדסטן חשק ניט געהאט אויף אָנצונעמען אַט־דעם ראָזעווען
„אַגרימענט”) ביז זיי האָבן „איינגעזען” זיין שטאַנדפּונקט.

ווי געזאָגט, איז אין אַט־דעם אופן פון סעטלען דעם סטרייק גע־
קומען צום אויסדרוק אַן אינטעגראַלער טייל פון הילמאַנס סאָציאַל־
עקאָנאָמישער וועלט־אַנשויאונג, אַן אַנשויאונג וואָס וועט זיך לאָזן אזוי
פאָרמולירן: „ניט דער ארבעטער איז געשאפן געוואָרן צו דינען דעם
געטשקע סטרייק, נאָר דער סטרייק איז געשאַפן געוואָרן צוליב דעם
אַרבעטער. הילמאַן האָט שוין דאַן געמוזט וויסן אז די געשיכטע פון
יוניאָנס אין אַמעריקע איז אַ געשיכטע פון סטרייקס. און אז אין לאַנג־
פאַרצויגענע און דורכגעפאלענע סטרייקס איז ניטאָ קיין ספּעציעלע
קדושה און אוודאי ניט קיין פּעולה פאַר דעם ארבעטער. אויב די
סטרייק־ליניע אויף דעם פּראָלעטאַרישן שלאַכטפעלד איז אין געגע־
בענע מאָמענטן אין געפאַר פון צעשמעטערט ווערן דאַרף אַט־די ליניע
ווערן עלאַסטיש, דאַרף זי זיך דאָ און דאָרט צוריקבויגן.

אַט־די עלאַסטישע ליניע פון ארבעטער־קאַמף אין אמעריקע, —
איז אַ ליניע פון קאמף וואָס איז ערשט אויסגעפּרובירט און באַשטע־
טיגט געוואָרן אין דער איצטיגער וועלט־מלחמה.. דער שאַפער פון
אַט־דער איצט־שוין־אַקסיאָמאַטישער ליניע איז געווען דער יונגער און
דאַן נאָך גאָר־וויניג־דערפאַרענער סידני הילמאַן.

ס'איז אינטערעסאנט אַז די עלאַסטישע ליניע הילמאנס האָט
זינט דעם 14־טן יאַנואַר 1911 ביזן היינטיגן טאָג, אויסגעהיטן דעם
סטרייק פון די טויזנט־קעפּיגע שעפער פון „האַרט, שעפנער און
מאַרקס”. דורך די יאָרן 1911, 1912, און 1913 האָט די בויגזאַמקייט
פון אַט־דער ליניע, בהדרגה, אריינגעפירט א ריי רעפאָרמען אין אַט
די שעפער, ווי „די באָרד אָוו אַרביטריישאָן”, אַ „טרייד באָרד” און
ענדלאך — אַן „אימפּאַרשעל טשערמאַן” — שריט, וויכטיגע, ניט
נאָר אין לעבן פון איין יוניאָן, נאָר אין דעם אַלגעמיינעם אַנטוויק־

לונגט־וועג פון אינדוסטריעלער דעמאָקראַטיע אין גרויס און ברייט אַמעריקע.

אנגלאָסאַקסיזם ווערסוס פּילאָטלאָוויזם

דער שיקזאַל, וואָס האָט געפירט הילמאַנען קיין שיקאַגע און האָט אים ווי מן השמים, אויסגעמיטן פון אריינגעוועבט ווערן אין דער כאַראַקטעריסטישער ניו־יאָרקיש־אידישער ארבעטער סביבה — אָט־דער שיקזאַל האָט דאָס מעגלאך געמאכט פאַר הילמאַנען אריינצוטרעטן אין אַ תכלית׳דיג־אַנדערשדיגער סאָציאַל־פּאָליטישער אַטמאָספערע, זיך דאָרט שנעל אַקלימאַטיזירן און באַלד־באַלד ווערן אַ היימישער, אַן אייגענער און — מיט דער צייט — אַ פירער.

ס׳קען זיין אַז הילמאַן אַליין האָט — אין זיין גוואַלדיגער פאַר־נומענקייט — ניט געהאַט קיין צייט צו טעאָרעטיזירן וועגן דעם. איך זע עס, אָבער, גאַנץ קלאָר, אַזוי קלאָר, אַז כ׳וואָלט געוואַגט צו זאָגן, ווען ניט, מיכל זכריה׳ס, זיין אַמאָליגער אידעאַליסטישער „אוטשי־טעל״ אין קאָוונע (און וואָס איז שוין אין 1907 געווען אַן עטאַבליר־טער אַפּטייקער אין שיקאַגע), ווען ער וואָלט ניט געווען דער אומזע־באַרער שליח אלוה צו פירן הילמאַנען קיין שיקאַגע — וואָלט הילל־מאַן קיינמאָל ניט געקענט דערקלעטערן צו זיין איצטיגער פּאָזיציע פון מאַכט און איינפלוס — וואָלט ער ניט האָבן דערוואָרבן דעם שטול פון דעם „לייבאָר״־שטאַטסמאַן אין אַמעריקע און וואָלט זיך ניט דער־דינט צו אַ נאָמען וואָס טראָגט מיט זיך געוויכט אויף אַן אינטער־קאָנטינענטאַלן מאסשטאַב.

דער ענין „שיקאַגע ווערסוס ניו־יאָרק״ איז, בכן, אַ פונדאַמענט־לייגנדיגער קאַפּיטל אין הילמאַנס געשיכטע פון „לעבן און קאַמף״. און אַלס פּרעליוד צו אָט־דעם קאַפּיטל, זאָלן כאָטש, אין לייכטער סקיצי־רונג, אָנגעוואָרפן ווערן די הויפּט ליניעס פון דער סביבה אין דער אידישער ניו־יאָרק פאַר די לעצטע דריי דורות און די שאַרף־אַנדערש־דיגע סאָציאַלע טעמפּעראַטור פון שיקאַגע אין וועלכער הילמאַנען איז באַשערט געווען אריינצופאַלן און זיך דאָרט איינהיימישן.

פאַר די לעצטע דריי דורות אין דער יונגער אידישער געשיכטע פון אַמעריקע האָט ניו־יאָרק געגעבן דעם טאָן — פונקט ווי ניו־יאָרק גיט — אין די מערסטע פאַלן פון דעם אַל־געביטיגן לעבן פון דער אַלגעמיינער אַמעריקע — דעם טאָן. נאָר בעת אין דער ניט־אידישער אַמעריקע זיינען דאָ מעכטיגע געגנשטראָמען, געזונטע, קוואַלפולע, וואָס וואַגן זיך צו קעגנשטעלן דער ניו־יאָרקישער השפּעה האָט ביי אונז, אידן, ניו־יאָרק פאַר די לעצטע 60־70 יאָר דאָס לעצטע און ענדגילטיגע וואָרט.

דער גורל האָט שוין געוואָלט, אַז די ערשטע גרופּע אידן, וואָס האָבן (דעם 16־טן סעפּטעמבער, 1654), איינגעוואַנדערט קיין אַמע־ריקע (די 27 פּאָרטוגעזישע אידן וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקע אויף בער שיף „סענט־קאַטערינאַ״) זאָלן לאַנדן אין ניו־יאָרק (אָדער ווי ניו־יאָרק האָט דעמאָלט געהייסן „ניו־אַמסטערדאַם״) ביז דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט, פּינקטלאכער: ביזן יאָר

1848, פלעגט נאָר חען־ניט־ווען פאַרבלאָנדזשען אַ אידישע פאַמיליע
קיין אמעריקע. נאָך די 1848־ער אונטערדריקטע רעוואָלוציעס, אָבער,
פון דייטשלאַנד, עסטרייך און אונגאַרן, האָבן זיך פיל רעוואָלוציאָנערן
אַ לאַז־געטאָן נאָך אמעריקע און — צווישן זיי — אויך אַ היפּשע צאָל
אידן. אַזוי אַז אין יענעם יאָר, האָט שוין די אידישע קאָלאָניע אין ניו־
יאָרק געקענט שטאָלצירן מיט דעם אָנגעזעענעם ציפער פון 15 טויזנט
נפשות (מערסטנס שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע און דייטשיש־עסטרייכישע
אידן. די מערסטע אידן פון אָט־יענער אימיגראַציע־כוואַליע האָבן זיך
אָפּגעשטעלט אין ניו־יאָרק. און ווען אין 1881 האָט זיך אָנגעהויבן די
יאָרן־לאַנג־דויערנדיגע אידישע מאַסן־אימיגראַציע האָט שוין דער
קאַפּריזנער אַטלאַנטיק אַכטונג געגעבן אַז די גרינע זאָלן שליסן די
ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט ניו־יאָרק. און האָט אַ אידישער נע־ונד־
ניק נאָר אריינגעשטעלט אַ פוס אין ניו־יאָרק איז ער שוין דאָ געבליבן.
פון דער אילוזיע „אויף צו ווערן אַן עושר איבער נאַכט" האָט ער זיך
גאָר גיך מיאש געווען, אָבער אין ביזנעס האָט יעדער היימישער
שטעקל־דרייער געקענט גלייך אַריינגיין — און איז טאַקע אריין. ווייל
אַלץ וואָס ס'האָט זיך געפאָדערט צו אריינגיין אין דער אַל־אידישער
גראַנד־קאָמערציע פון פעדלעריי איז געווען איין אלמעכטיגער דאָלער.
די „סופלאַי־סטאָרס" פלעגן שוין צוזאַמען מיט דעם בינטל שפּילקעס,
זייף, שוך־בענדלאך און קעמעלאך אויך געבן דעם גרינעם אַ פרייען
קרעדיט אין פעדלעריי, אַזוי אַז ניו־יאָרק האָט גאָר היפּש נושא־חן גע־
ווען ביים אידישן אימיגראַנט. און ניו־יאָרק האָט פון דאַן אָן גענומען
וואַקסן אידיש ווי אויף הייוון.

פאַראַלעל מיט פעדלעריי האָט זיך דאַן אין ניו־יאָרק אָנגעהויבן
ביסלאַכווייז פאַרשפּרייטן צווישן אידן די ווייט־ניט־יחוס'דיגע באַשעפ־
טיגונג אין די היימישע שטעטלאך — מלאכה, „טריידס". טרעפלאַך,
כאָטש פשוט, שילדערט ב. ווײַנשטיין, דער ערשטער סעקרעטאַר פון
די „פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטן" די איבערשיכטונג פון די
הילפלאָזע גאָר־ניט־צום־לעבן־צוגעגרייטע אָנגעלאָפענע און גלייך־אַנ־
טוישטע אידישע מאַסן (זע זיין בוך „אידישע יוניאָנס אין. אמעריקע"
זייטן 49 און 50):

„די צרות און ליידן, וואָס די אידישע אימיגראַנטן האָבן געהאַט
אויסצושטיין די ערשטע יאָרן פון זייער אָנקומען קיין אמעריקע, איז
גאָר אוממעגלאַך צו באַשרייבן. געפאָרן זיינען אַלע אַהער מיט דער
ד'ערוואַרטונג צו שאַרן דאָ גאָלד מיט לאָפּעטעס. אויסגעלאָזן, אָבער,
האָט זיך, אַז אַלע, אָן אויסנאַם, האָבן געמוזט ארבעטן שווער און ביי־
טער פאַר דעם שטיקל ברויט. די שכירות, וואָס אַ אידישער אימיג־
ראַנט פלעגט אין יענע צייטן פאַרדינען, האָבן באַטראָפן בלויז אַ פּאָר
דאָלער אַ וואָך. די ארבעטער האָבן אַלע געאַרבעט פון שטיק און דאָס
העכסטע וואָס אַ גרינער ארבעטער האָט געקענט אויסארבעטן איז
געווען פון צוויי־און־אַ־האַלב ביז דריי דאָלער אַ וואָך. די ארבעט־
שטונדן זיינען דעמאָלט געווען פון 15 ביז 18 שטונדן אין מעת־לעת.
געאַרבעט האָבן די ערשטע אידישע אימיגראַנטן הויפּטזאַכלאַך ביי
העמדלאַך, ביי זעק, ביי שמאַטעס, ביי קינדער־הייזלאַך און ביי ביליגע
רעק. אַ טייל האָבן אויך געאַרבעט אין בלעך־פאַבריקן און אין סי־
גאַרן־פאַבריקן.

„ווי שוין פריער געזאָגט, זיינען צווישן די ערשטע אידישע אימיגראנטן געווען זייער ווייניג אַזעלכע, וועלכע האָבן געקענט א מלאכה פון דער היים. זיי פלעגן דעריבער ארבעטן ביי אזוינע טריידס, וואו מען האָט זיך געדאַרפט זייער ווייניג לערנען. יעדער איינער האָט געמוזט גלייך פאַרדינען אויף איבערצולעבן דעם טאָג, האָט מען זיך געכאַפּט צו דער ערשטער ארבעט, וואָס מען האָט נאָר געקענט קריגן. קיין גרויסע שעפער זיינען אויף דער איסט־סאַיד אין יענע יאָרן כמעט ניט געווען. כמעט אַלע אידישע ארבעטער האָבן דעריבער געארבעט ביי די קליינע באַלעבאַטימלאַך, וועלכע זיינען אליין אויך געווען אימיגראנטן, וואָס האָבן נאָך ניט באוויזן אין גאנצן זיך „אויסצוגרינען". אָט די קליינע באַלעבאַטימלאַך פלעגן ארויסנעמען ארבעט ביי די גרויסע קליידער־פאַבריקאנטן. זיי פלעגן באַקומען פון דער גרויסער פאַבריק שוין צוגעשניטענע וואַרע. און אין די קליינע שעפער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די טענעמענט־הייזער, פלעגט די ארבעט אויסגענייט ווערן. דאָס זיינען געווען די באַרימטע „סוועט־(שוויץ) שעפער". דער סוועט־שאַפּ איז געווען אי אַ שאַפּ, אי אַ וואוינונג. דער באַלעבאָס פון שאַפּ האָט דאָרט געוואוינט צוזאמען מיט זיין פאַמיליע. דער פאָדערשטער צימער און די קיך פלעגן באנוצט ווערן אלס ארבעטס־צימערן. שלאָפן פלעגט די גאנצע פאַמיליע אין איין פינצטערער בעד־רום. אין פאָדערשטן צימער, ביי די פענצטער, פלעגן אידן שטעפּן אויף די ניי־מאַשינען. דאָס זיינען געווען די אָפּערייטאָרס. ביי די זייטן פלעגן, אויף שטולן, זיצן די בייסטערס און אין מיטן שטוב, אויפן פּאָדלאָגע, פלעגן זיין אָנגעוואָרפן גרויסע פּעק מיט סחורה אויסגעמישט מיט מיסט און שטויב. דאָ, אויף די ווייכע פּעק, פלעגן זיצן אויסגעזעצט די עטלאכע פינישערינס, וואָס פלעגן פאַרענדיגן די ארבעט. מיטל־יעריגע און עלטערע אידן, פּרעסערס, פלעגן שטיין און וואַרעמען די פּרעס־אייזנס און ביים שיין פון גאַז־ליכט פלעגן זיי פּרעסן אויף אַ ספּעציעלער ברעט די פאַרטיגע מאַנטלען, די רעק, די הויזן און אַנדערע קליידער.

„זייער אָפט פלעגט דער קאָנטראַקטאָר, אין דער פרי, אויסשמירן די טישלאַך, ביי וועלכע די פינישערינס, אָדער די באָטן־נייטערינס זיינען געזעסן, מיט קעראָסין, כדי די מיידלאַך זאָלן ניט האָבן וואו אוועקצולייגן זייער שפּייז. יעדן טאָג פלעגן די באַלעבאַטים אַרויסגעבן נייע גזירות. איין טאָג פלעגט קומען אַ באַלעבאָס און ארויסגעבן אַ באַפעל אז פון איצט אָן און ווייטער זאָלן די אָפּערייטאָרס אליין ארויפטראָגן די פּעק ארבעט וואָס דער עקספּרעס ברענגט פון ווער־הויז. אַן אנדערש מאָל פלעגט אַן אנדער באַלעבאָס אין איין שיינעם פרימאָרגן דערקלערן, אַז פון איצט אָן און ווייטער וועלן די אַרבעטער קריגן באַצאָלט איין מאָל אין צוויי וואָכן, אָנשטאָט ווי פריער, יעדע וואָך. די פּרייזן פאַר דער ארבעט פלעגט אויך יעדער בעל־הבית אליין באַשטימען, ווי ער האָט געפונען פאַר נויטיג".

ס'לייגט זיך אויפן שכל, אַז אַזאַ מין מענטשן־מאַטעריאַל איז ניט גאָר לייכט געווען צו אָרגאַניזירן אין אַ יוניאָן. איז טאַקע גאָר שווער אָנגעקומען דאָס אָרגאַניזירן יוניאָנס פון אידישע ארבעטער. פלעגט אין די 80־ער יאָרן וואו־ניט־וואו געמאַכט ווערן אַ פאַרזוך פון גרינדן אַ יוניאָן האָט זי קיין לאַנגן קיום ניט געהאַט. די סטרייקס, כאָטש

זיי פלעגן אפילו אָפּט אויסברעכן, פלעגן כמעט אלע זיין אַ דורכפאַל. די אַקטיווע אידישע סטרייקער, וואָס פלעגן קומען פּיקעטן אַ שאַפּ, פלעגן גלייך אַרעסטירט ווערן און ס׳איז ניט געווען ווער זאָל זיך פאַר זיי אָננעמען. פון אַזאַ ווילדער פאַנטאַזיע ווי „דינגען אַ לאָיער״ האָט גאָר קיינער ניט געוואַגט צו טרוימען. מען קען, בכן, זאָגן אז די יאָרן פון 1881 אַזש ביז 1910 זיינען געווען די דרדקי־יאָרן פון יוניאָניזם אויף דער אידישער ארבעטער־גאס אין אמעריקע בכלל און אין ניו־יאָרק בפרט. פולע 30 יאָר איז דער אידישער ארבעטער־אימיגראנט געגאַנגען אין יוניאָן־חדר ביז מען האָט פון אים און מיט אים געקענט אויסקנעטן אזא מאסאָווע קאמף־אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל ווערט זיין דעם נאָמען „יוניאָן״ און מיט וועמען די באַלעבאַטים זאָלן זיך ערנסט רעכענען.

אויב ס׳איז, אָבער, אזוי שווער געגאנגען דאָס געבורט פון יוניאָניזם אויף דער היגער אידישער גאס איז אָבער דעם סתם־ראַדיקאַליזם פיל לייכטער אָנגעקומען צו דערווערבן פּאָזיציעס אין היגן אידישן לעבן — ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט קלינגען. ווייל דער אמת איז דאָך, אַז ניט אלע אידישע אָנקומענדיגע אין נייעם לאנד זיינען געווען כולו הילפלאָז. ס׳זיינען געווען אַנדערע פּנים׳ער אויך. מיר ווייסן פון אַן „עם־עולם״־געזעלשאַפט — אַן אָרגאַניזאַציע פון יונגע אידישע ראַדיקאַלן וואָס איז געקומען צום לעבן אין אָדעס, אין יאָר 1881, אלס „ענטפער״ אויף די פּאָגראָמען אין צאַרישן רוסלאַנד אין יענע טעג. די עם־עולמ׳ניקעס זיינען אויך געווען אַ טייל פון יענע ערשטע שטראָמען פון אידישער מאסן־אימיגראַציע. זייער קומען איז געווען מאָטיוויזירט הויפּטזאכלאך פון אידעאַליזם. זיי זיינען געקומען אין נייעם לאנד מיט פרישן גלויבן אז מען קען און מען דאַרף איבערבויען דאָס אידישע לעבן אויף קאָמוניסטישע יסודות און ווייזן דער וועלט אז דער איד איז ניט קיין פּאַראַזיטישער עלעמענט אין דער געזעלשאפט. פון פריער, פון די יאָרן 1848 אָן זיינען שוין דאָ געווען אַ צאָל אנטרונענע רעוואָלוציאָנערן פון דייטשלאַנד, נאָכדעם ווי ביסמארק האָט איינגעפירט דעם „אנטי־סאָציאַליסטן געזעץ״. דערפון איז געדרונגען אז די ערשטע סאָציאַליסטן אין אמעריקע און, במילא, אין ניו־יאָרק זיינען געווען דייטשן. זיי האָבן דאָס אימפּאָרטירט דעם סאָציאַליזם אין קאָלאָמבוסעס מדינה. און פון זיי שטאמען דאָס די אלטע ראדיקאלע ווערטער אין אונזער אידיש־אמעריקאנישן פּראָלעטארישן לעקסיקאָן. אין די 80־ער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט האָט די אימיגראציע אונז אויך מזכה געווען מיט ניט קיין קליינער גרופּע אידישע אנארכיסטן און סאָציאַליסטן און ס׳האָבן אָנגעהויבן אויפקומען „פּראָפּאַגאַנדע־פאראיינען״ (אין 1882), דער „רוסישער ארבעטער פאראיין״ (אין 1884) און „רוסיש־אידישער ארבעטער פאראיין (1884), וואו אויף אָט־די פאַרזאַמלונגען פלעגט דאָמינירן צום ערשטן דייטש און נאָכדעם, אין די עטוואָס־שפּעטערע יאָרן — רוסיש. צו יענער צייט איז אויך אויפגעקומען דער „פאַראיין פון אונגאַריש־אידישע סאָציאַליסטן״ און דער „אידישער ארבעטער פאראיין״ — וואָס איז באַשטאַנען, מערסטנס פון אונגאַרישע און גאַליציאַנער ראַדיקאַלען; „פּיאָנירע דער פרייהייט״, אַ טעטיגע אידיש־אַנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אויפגעקומען אין 1887 אלס „ענטפער״ אויף

דער היימאַרקעט־אפערע אין שיקאַגע. ראַדיקאַלע פראָפּאַגאַנדיסטן אין יענע יאָרן זיינען געווען אב. קאַהאַן, ל. מילער, מ. זאמעטקין, ב. פייגענבוים, ש. יאנאָווסקי, מאָריס הילקוויט, יוסף באראָנ־דעס, דר. מיכאל קאָהען און דר. מאקס גירזשדאנסקי. אָט־די אלע מענטשן זיינען געווען די פּאָפּולערסטע רעדנער אין יענער צייט אויף דער איסט־סאַיד פון ניו־יאָרק און ס'איז זיי „מיט פאַראייניגטע כו־חות" געלונגען צו פאַרקויפן דעם קאָסמאָפּאָליטיש־צעקריפּלטן באַ־גריף פון אינטערנאַציאָנאַליזם צו דער ניט־אָריענטירטער אידישער מאסע פון ניו־יאָרק און די ווי אויף־הייוון־וואַקסנדיגע אימפּעריאַלע אידישע שטאָט ניו־יאָרק האָט זיך גענומען אויסצייכענען מיטן אַוועק־שליידער פון אידישקייט, פון אָפּזונדערן זיך פון דער מינדסטער אידי־שער טראַדיציע, מיט אַ סדרה פון יום־כפור בעלער און מיט כל'ערליי אנדערע צו־ להכעיס אונטערנעמונגען געגן גאָט און געגן זיין פאָלק ישראל.

יע, די אידן וואָס זיינען אויף מעכטיגע כוואַליעס געטראָגן גע־וואָרן אַהער פון „מאַטושקאַ ראָסיאַ" און פון אַנדערע סלאווישע לענ־דער האָבן ניט פארגעסן מיטנעמען מיט זיך די כאַראַקטעריסטיש־רו־סישע „שטימונג", דעם סלאַווישן טעמפּעראמענט — אַ שטימונג און אַ טעמפּעראמענט וואָס האָט געקראָגן דעם קאָנסעקווענטן אויסדרוק אין טראָצקי'ס „פּערמאַנענטע רעוואָלוציע".

ווען סידני הילמאן וואָלט געווען אריינגעקומען אין אָט־דער הורראַ־רעוואָלוציאָנערער און קאָסמאָפּאָליטיש־אַסימילאַטאָרישער אי־דישער ארבעטער־סביבה פון ניו־יאָרק וואָלט ער אויך מסתמא געווען צוגעטראָגן זיין חלק פון ראַדיקאַלן שמד — א שמד וואָס האָט פּאַרטי־ליגט צוויי דורות אידן אין אַמעריקע — אַ חורבן פון וועלכן מיר וועלן לאַנג, לאַנג ניט קענען קומען צו זיך

האָט, אָבער, די השגחה געוואָלט אז הילמאן זאָל אַוועק אויף א גאנץ אנדערן דרך. איז ער געקומען אין שיקאַגע. און אין דער מיפּיש־אַמעריקאנישער שטאָט האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן דער אַנגלאָזאַק־סישער לופט,—א לופט וואָס האָט געווירקט און דערפרישט זיין הארץ. האָבנדיג אַ גוטן קאָפּ, איז אים ניט שווער אָנגעקומען תופס צו זיין דעם אַנגלאָזאַקסישן וועלט־באַנעם, צ. דערשפּירן דעם אַנגלאָזאַקסישן געמיט. זיין חבר'ן זיך מיט די כלל־טוערינס פון דער „וויומענס טרייד יוניאָן ליג" אין שיקאַגע (מרס. ריימאָנד ראָבינס, מיס קעטערין קאָ־מען, מיס עלען גייטס) און מיט אַזעלכע ליבעראַלן און סאָציאַל־רע־פאָרמער, ווי פּראָפעסאָר אירל דיען האָווארד, פון „נאָרטוועסטערן יוניווערסיטי", דזשאָן וויליאַמס, דזשיימס מולענבאך, וויליאם אַ נאַמפּ־סאָן און קלארענס דאַרראָו האָט געהאָלפן קריסטאַליזירן זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישע וועלט־אַנשויאונג און דערעזן אין געהעריגער באַלייכטונג דעם וועג אויף וועלכן דער אמעריקאנער ארבעטער דארף גיין אין דערגייך צו פולער גאולה.

אין שיקאַגע האָט הילמאן רייבנדיג עלנבויגנס מיט אידעלע און אידעאַליסטישע אנגלאָזאַקסישע קולטור־מענטשן געהאט די

דיסטאַנץ און די געהעריגע פּערספּעקטיוו צו וועגן און מעסטן זיינע מעשׂים און זיינע געדאַנקען. און ער האָט פאַר זיך דערזען צוויי היפּוכדיגע וועגן אויף וועלכע צו פאַרנעמען זיך: דעם עוואָלוציאָנערן וועג פון אַנגלאָזאַקסיזם אָדער דעם רעוואָלוציאָנערן דרך פון פּילאָסלאַוויזם און — ער האָט זיך געשטעלט אין ריכטונג צו דער אַנגלאָזאַקסישער וועלט און — דערמיט — מיטן פּנים צו אַמעריקע. אין אָט־יענע יאָרן פון קריסטאַליזירונג איז שוין פאַר הילמאַנען אָנגעצייכנט געוואָרן דער ברייטער שליאַך — פון ווערן באַרופענער פירער פון דעם אַמאַלגאַמישן אַרבעטער־קאָלעקטיוו פון יונג־און ניי־אַמעריקע.

ניו־יאָרק אנערקענט אַ פּראָווינציאַל

דעם 2־טן סעפּטעמבער, 1910 איז די פּראָלעטאַרישע אידישע טערמינאָלאָגיע באַרייכערט געוואָרן מיט אַ ניי, אָדער באַנייט, וואָרט: „פּראָטאָקאָל". די טאַטע־מאַמע פון דעם ילד (יעלעד) זיינען געווען צוויי אידישע לאַיערס און כּלל־טוערס — לואיס ד. בראַנדייס און לואיס מאַרשאַל. דער „פּראָטאָקאָל" איז געווען דער פּשרה־אָפּמאַך צווישן די סטרייקנדיגע קלאָוקמאַכער פון ניו־יאָרק און די באַלעבאַטים. נאָך אַ צען־וואָכיגן סטרייק וואָס האָט אויפגעטרייסלט ניו־יאָרק איז די ביידע לואיס'עס (מאַרשאַל און בראַנדייס) געלונגען אַרויסקריגן פון די קלאָוקמאַכער־באַלעבאַטים אַ 50־שעה'דיגע אַרבעט־וואָך, 10 געזעצלעכע יום־טובים דורכן יאָר, פּרייז־קאָמיטעס און „גריוועגס"־קאָמיטעס, דעם בראַנדייס־פּונקט וועגן אַ „פּרעפערענשעל"־שאַפּ מיט צוויי „טשיף־קלוירקס", וועלכע זאָלן אין צייט פון סכסוך צווישן די באָסעס און דער יוניאָן זיין די בוררים. דער ערשטער „טשיף־קלוירק" פון דער יוניאָן איז געווען ס. פּאָליאַקאָף. די משגיחים איבערן „פּראָטאָקאָל" זיינען געווען: מאָרים הילקוויט, פון דער דזשאָינט באָארד קלאָוקמאַכער יוניאָן; העמילטאָן האָלט — פון די קלאָוק־מאַנופעקטשורערס און לואיס ד. בראַנדייס איז געווען דער דריטער אומפּאַרטייאישער מיטגליד. דער „פּראָטאָקאָל" האָט געוויזן זיין אומדערוואַרטעטן כּוח און איבעראַשנדיגן צוויבער עטלאַכע יאָר. אונטער דער שוץ פון „פּראָטאָקאָל" זיינען טויזנטער רייבונגען און קאָנפליקטן צווישן די אַרבעטער און די באַלעבאַטים דערליידיגט געוואָרן אויף אַ פרידלאַכן אופן. אין יאָר 1913 האָט דער „פּראָטאָקאָל" דערגרייכט דעם הויך־פּונקט פון באַרימטקייט, אַ דאַנק דעם וואָס דער „טשיף־קלוירק" פון דער יוניאָן איז דאַן געוואָרען דער חשובֿ'ער געלערנטער און ראַדיקאַלער שרייבער, דר. יצחק אייזיק הורוויטש. דר. הורוויטש האָט זיך, אָבער, לאַנג ניט געהאַלטן אין דער יוניאָן. פאַר די באַאַמטע פון דער יוניאָן, פּונקט ווי פאַר די באַלעבאַטים איז ער געווען „צו"־פיל . . . „ער איז ניט פּראַקטיש" — האָבן זיי געשריען. די פּשוט'ע אַרבעטער, די אָפּערייטאָרס האָבן, אָבער

געהאַלטן מיט הורוויטש׳ן. מיט הורוויטש׳עס איינפלוס אויף די מאַסן וואָלט ער זיכער זיי געקענט פירן צו אַ סטרייק. און פאַר דעם האָבן דאַן מורא געהאַט די יוניאָן־פירער. די „באָארד אָוו אַרביטריישאָן" מיט בראַנדייס׳ן בראש, האָבן דאַרום געבעטן דר. הורוויטש׳ן, אין נאָמען פון פרידן אין דער קלאָוק־אינדוסטריע צו רעזיגנירן. דער ווירדיגער און איידעל־אַריסטאָקראַטישער יצחק אייזיק, האָט פאַרשטייט זיך אָנגענומען בראַנדייס׳עס עצה . . .

מיט דער הורוויטש־אַפערע האָט זיך אויף דער ניו־יאָרקער אַרבעטער־בירזשע געקאָכט אַ לאַנגע צייט, און זי האָט דערגרייכט איר קלימאַקס אויף דער קליוולאַנדער קאָנווענשאָן פון דער „אינטערנעשאָנאַל", אויף וועלכער די דעמאָלטדיגע הויפט־באַאַמטע, אב. ראָזענבערג (פרעזידענט) און דזשאָן א. דייטש (סעקרעטאַר) האָבן זיך געמוזט „אַנטזאַגן" אָנצונעמען אויף ווייטער זייערע אַמטן און אויף זייער פּלאַץ זיינען יענעם יאָר דערוויילט געוואָרן ב. שלעזינגער — פּרעזידענט און מ. זיגמאַן — סעקרעטאַר־טרעזשורער.

צו קריגן עמיצן אויף דר. הורוויטש׳עס שטול אַלס „טשיף־קלוירק" פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן איז ניט געווען קיין גאָר לייכטע אויפגאַבע. און, דאָס פּנים, אַז אין ניו־יאָרק איז טאַקע ניט געווען דער וואָס זאָל זיך קענען שטעלן שולטער־אין־שולטער מיט דעם ווירדיגן דר. יצחק אייזיק הורוויטש. און דאָ האָט פאַר די זוכנדיגע אויגן פון די דזשאָינט־באָארד מער אַ בליץ געטאָן די געשטאַלט פון אַ פּאָפּולערן אַרבעטער־סטראַטעג אין שיקאַגע. און מען האָט זיך אַ ווענד־געטאָן מיט אַן עס־אָ־עס צו הילמאַנען. הילמאַן האָט געוויזן די טעלעגראַמע צו זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער. עס איז ביי זיי אָנגעגאַנגען אַ ליידנשאַפטלאַכע שקלא־וטריא: זיך שווער צו שיידן מיט הילמאַנען, אָבער ניו־יאָרק דאַרף אים האָבן. און זיי האָבן צוגעשטימט.

אַז ניו־יאָרק אַל זיך האָבן געבויגן צו אַ פּראָווינציאַל — עפּעס האָט אַט־יענער פּראָווינציאַל געמוזט באַזיצן אַז ער זאָל אין אַלעמענס אויגן אויסזען און אויסוואַקסן „משכמו ומעלה גבוה מכל העם" . . .

און — הילמאַן האָט זיך (אויף אַ קורצער צייט) אַוועקגעזעצט אויף דעם דעמאָלט־חשוב׳ן שטול פון „טשיף־קלוירק" פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן אין ניו־יאָרק.

רוזוועלט — דער געווינער און הילמאַן — דער זיגער.

אויף דער פּאָליטישער אַרענע פון אַמעריקע אין די לעצטע טעג האָבן הויפּטזאַכלאַך זיך אָנגעזען די פּנים׳ער פון צוויי אַמעריקאַנער פיגורן — פרענקלין דעלאַנאָ רוזוועלט און סידני הילמאַן.

דער ערשטער — אַ גראַנד־געווינער.

דער צווייטער — אַ גאַלאָפּירנדיגער זיגער.

יע, הכול מודים — פריינט און שונאים — אַז סידני הילמאַן, „דער זיגרייכער גענעראַל פון היימישן פראָנט", (צוזאַמען מיט זיינע זיגרייכע חילות), האָט דאָס דערמעגלאַכט דעם 4־טן אַריינמאַרש פון רוזוועלטן אין ווייסן הויז.

פּאַראַלעל מיט דעם גרויסן רוזוועלט־נצחון האָט אָבער אויך אין די לעצטע וואַלן פּאַסירט אַן ערשט־ראַנגיגע רעוואָלוציאָנערע טאַט — אָן בלוט־פאַרגיסונג: דער פּראָלעטאַריאַט פון לאַנד אַמעריקע, אונטער דער פאָן פון הילמאַנ׳ס „פּעק" („פּאָליטישע אַקציע קאָמיטע") האָט דערוואַכט און האָט זיך דערהויבן צו זיין היסטאָרישער ראָליע אין לאַנד און וועלט.

דער איצטיגער דור אונזערער איז אַן עדות געווען פון צוויי גראַנדיעז־איבערקערערישע געשעענישן אין דעם פּאָליטישן לעבן פון דער יונגער אַמעריקאַנער נאַציע. די ערשטע געשעעניש האָט פּאַסירט אין יאָר 1933 ווען רוזוועלט האָט אַ טשוכע־אויס געגעבן דעם הונדערט־און־דרייסיג־מיליאָניגן אַמעריקאַנישן בירגערטום פון דער פאַרטשאַדעטער און שעדלאַכער איינרייזעניש — פון קענען ווערן (אויב ניט היינט — איז מאָרגן) אַ ראַקעפעלער „איבער־נאַכט". די צווייטע — און פיל־רייכע וויכטיגערע געשעעניש — האָט פּאַסירט אין יאָר 1944, ווען דער אַמעריקאַנער פּראָלעטאַריאַט, אַן עטוואָס־דערוואַכטער, איז אַריין פּראָפעסיאָנעל אין די דעליקאַטע עסקים פון פּאָליטישער אַקציע.

אויב סעמיועל גאָמפּערס האָט אין לויף פון צוויי דורות ביי זיין לעבן און יאָרן נאָך זיין טויט געהאַלטן געפּענטעט די הענט פון אַמעריקאַנישע אַרבעטער — זיי זאָלן זיך, חס וחלילה ניט צורירן צו פּאָליטישער אַקציע איז איצט געקומען אַן אַנדער מין יוניאָן־פירער און האָט צעריסן די קייטן פון די פּאָליטיש־פאַרקנעכטעטע אַרבעטער־מאַסן אין די פאַראייניגטע שטאַטן.

אַלע, אַלע ווייסן שוין איצט דעם נאָמען פון אָט־דעם פּראָלעטאַרישן שמשון הגבור. אויב די אַרבעטער־פּרעסע האָט אים ניט גענוג פיליכט, אָפּגעשאַצט און ניט גענוג מפרסם געווען איז געקומען דער צד שכנגד און האָט, אין לויף פון חדשים, אַלאַרמירט (אין עטלאַכע און צוואַנציג טויזנט טעגלאַכע און וועכנטלאַכע היגע ענגלישע צייטשריפטן — חוץ אין הונדערטער פרעמד־שפּראַכיגע אויסגאַבעס —) וועגן דער הילמאַן־געפאַר וואָס דראָעט, אַזוי קאַטאַסטראָפאַל, דעם לאַנד אַמעריקע. ביבליאָטעקן גאַנצע קען מען אָנפילן מיט די טויזנטער העץ־אַרטיקלען,

בילדער און לידלאך *) וואָס די היגע פרעסע, (וועלכע איז כמעט 70 פראָצענט רעפובליקאניש) האָט געווידמעט דעם „ליטווישן איד".

---

*) אונטער אַן 8־קאָלומדיגן קאָפּ „קליר עווריטהינג וויטה סידני — רהיים עי לאין ענד ווין סאָום $ $ $" האָט די „דזשורנאַל אמעריקען" פון ניו־יאָרק און די גאַנצע הוירסט־פרעסע איבערן לאַנד טעגלאך געקאָנטעסטעוועט מיט די פאָלגנדע לידלאך:

SIDNEY LIMERICK No. 2

Did you clear it with Sidney, my child?
If you didn't, you'll get Hillman wild.
  Babies cannot play
  Without his okay
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

(Fill in your own last line.)

NAME —

ADDRESS — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

SIDNEY LIMERICK — No. 3

Clear everything with Sidney, the Czar;
Yes, your job, and your family, your car.
  When he rules the nation,
  Frank'll take a vacation

(Fill in your own last line.)

NAME —

ADDRESS — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

(Mail to Sidney Limerick Editor, N.Y. Journal-American,
220 South St., New York, 15, N.Y.)

SIDNEY LIMERICK — No. 4

An unwilling horse can't be led,
Nor even a donkey, 'tis said.
  But when Sidney approves
  The New Deal Donkey moves

(Fill in your own last line.)

NAME —

ADDRESS — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

(Mail to Sidney Limerick Editor, N.Y. Journal-American,
220 South St., New York, 15, N.Y.)

ווי א גראנד־פארמעסטינגער סטראטעג, האט הילמאן געוואוסט אז די רעאקציאנערע פרעסע וועט אנשטעלן אירע הויפט פיילן געגן אים און ער האט, באצייטנס, זיינע מחנות פאר דעם צוגעגרייט. אין א רעדע פאר דער קאנוועגשאן פון דער עלעקטרישער ארבעטער יוניאן אין ניו־יארק, וואס ער האט געהאלטן אנהויב סעפטעמבער, האט ער טרעפלאך צעגלידערט די צבועטמווא פון דער צעשראקענער רעאקציע אין ליכט פון דעם אויפגעשטאנענעם פראלעטאריאט. ס'איז כדאי, מכמה ובמה טעמים, צו געבן דא א טייל פון את־דער רעדע:

„איך רעכן, אז ס'איז שוין געקומען די צייט צו רעדן גאנץ אפן וועגן דער קאמפאניע פון פארלוימדונגען, וואס ווערט געפירט געגן סי־אי־א און געגן דער פאליטישער אקציע קאמיטע (פאק).

מיר האבן דא צו טאן מיט א פארזוך פון רעאקציאנערע כוחות, אפגעזען פון זייערע פארטיי־פארבינדונגען, ארויסצוטרייבן די ארגאני־זירטע ארבעטער פון פאליטיק, ווייל די ארבעטער־באוועגונג איז א פראגרעסיווער כוח.

די הוירסט־מעקארמיק־פעטערסאן פרעסע זינגט דאס לידל, אז „פאק" ווערט באהערשט פון קאמוניסטן. ווען דאס ווערט פארבונדן מיט דער העצע, אז „פאק" באהערשט די גאנצע דעמאקראטישע פאר־טיי, באקומט זיך דער איינדרוק, אז די גאנצע דעמאקראטישע פארטיי, אריינגערעכנט פרעזידענט רוזוועלט, איז קאמוניסטיש. די פארקערטע באהויפטונג, אז „דער ניו־דיל איז פאשיסטיש" ווערט פארשפרייט פון די זעלביגע רעאקציאנערע צייטונגען.

דער פאקט, וואס די פאלשקייט פון די אלע באהויפטונגען איז בא־וויזן געווארן און וואס זיי ווידערשפרעכן איינע די אנדערע, קימערט ווייניג די פארשפרייטער פון את־די העצעס, פונקט ווי די נאצישע פרא־פאגאנדע־מאשין קימערט זיך ווייניג, ווען אירע ליגנס ווערן אויפגע־דעקט. די וואס באטרייבן די דאזיגע קאמפאניע געגן דעם פשוט'ן מענ־טשען, האבן אנגענומען היטלער'ס כלל, אז ווען מען האלט אין איין אי־בער'חזר'ן א ליגן, בפרט נאך ווען דער ליגן איז א גרויסער, וועט ער זיך סוף־כל־סוף צוקלעפן.

פעטערסאן'ס „דעילי ניוס" שרייבט אין אן עדיטאריעל פון 3־טן סעפטעמבער:

„הילמאן האט געלייקנט וועלכע ס'איז פארבינדונג מיט די קאמוניסטן דא אין לאנד. טעכניש מעג דאס זיין אמת, אבער היל־מאן איז צום ווינציגסטן א קאמוניסטישער מיטלויפער, ווייל סיי ער און סיי די קאמוניסטן ווילן האבן מר. רוזוועלט'ן פאר א פערר־טען טערמין".

מיט אנדערע ווערטער, דערפאר וואס אוירל בראודער האלט פאר רוזוועלט'ן מער ווי פון דיואי'ן, איז יעדער איינער, וואס האלט פון רוזוועלט'ן מער ווי פון דיואי'ן, א קאמוניסטישער מיטלויפער. לויט דער זעלביגער לאגיק איז יעדער ליבעראל אין יעדן לאנד אין אייראפע באצייכנט געווארן ווי א קאמוניסט.

העצעס געגן קאמוניסטן און געגן אידן גייען האנט אין האנט. ס'איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואס היטלער האט יארן־לאנג גע־

זאָגט, אַז רוזוועלט איז אַ איד און די אַמעריקאַנער פאַשיסטן האָבן געקוויטשעט וועגן דעם „דזשו דיל" און די הוירסט־מעקאָרמיק־פּעטערסאָן אַקס לאָזט ניט דורך קיין געלעגנהייט, ווען עס קומט צו רייד וועגן „פּאַק", צו דערמאָנען, אַז איך בין אַ איד און בין געבוירן געוואָרן אין ליטע.

דאָס איז אַן אַלטע געשיכטע. אַנטיסעמיטיזם און די סטראַשידלע פון באָלשעוויזם זיינען שטענדיג געווען דער פונדאַמענט פון דער פּראָפּאַגאַנדע ביי דעם דייטשן, איטאַליענישן און שפּאַנישן פאַשיזם. איצט איז דאָס דער פונדאַמענט פון דער פּראָפּאַגאַנדע ביי דער אַמעריקאַנער רעאַקציע.

דער אמת איז, אַז ביי די רעאַקציאָנערן איז אַלצדינג קאָמוניסטיש, אויב עס האָט צו טאָן מיט באַשרענקען די מאַכט פון די פּריווילעגירטע גרופּן. ביי די רעאַקציאָנערן איז דער מלוכה־קאָנטראָל איבער דער עלעקטרישער קראַפט אין דער טענעסי וועלי — קאָמוניזם; דעם פּרעזידענט'ס אַנטי־דיסקרימינאַציע קאָמיטע איז קאָמוניזם; קאָלעקטיווע

רעכטס הילמאַן און לינקס—דיין „רעכטע האַנט" דזשייקאָב פּאָטאָפסקי.

פאַרהאַנדלונגען צווישן יוניאָנס און אונטערנעמער איז קאָמוניזם. פאַר די וואָס דענקען אויסשליסלאַך וועגן די רעכט פון אייגנטום, איז די מאַכט פון דער פעדעראַלער רעגירונג, וואָס ווערט באַנוצט פאַר אַ מער יושר'דיגער פאַרטיילונג פון די געווינסן פון פרייער אונטערנעמונג — קאָמוניזם".

אויב אין אַט־דער רעדע זעען מיר הילמאַנען אין שטרייט מיט דער בורזשואַזיע און אירע כל'ערליי פאַרשטייער, דינער און פאַרבינדעטע, דאַרף פון אונזער אויג, אָבער, אויך ניט פאַרשווינדן דער אַנדער מין געגנער, וואָס האָט גאָר ניט ווייניג ענערגיע אַוועקגענומען פון הילמאַנען און פון זיינע חיילות. דער אַנדער מין געגנער — און ניט ווייניגער געפערלאַך פונם ערשטן — איז גראָד געקומען פון דעם אַרבעטער־לאַגער: ל ו א י ס , מיט די אַנדערע לואי־ליליפּוטלאַך בכל מקום שהם. מענ־

טשען אויף די ערטער האָבן געזען גאָר בולט דעם מעשה׳לע־מעסיגן
אופן ווי אַזוי די סי־אי־אָ האָט די געדיכט־באַפעלקערטע מיינער־שטאַטן
פון פענסילווייניע, וועסט ווירדזשיניע און אילינאָיס מיט מעכטיגער
גבורה אַרויסגעריסן ממש פון דואי־לואיס׳עס ידים און זיי צוגעטראָגן
צו רוזוועלט׳ס שוועל . . . מיטן שם המפורש אַליין האָט מען דאָס ניט
געקענט באַווייזן. דאָ האָט זיך געפאָדערט דער שוואונג און די העראָי־
לעאישע מאַכט הינטער דעם שוואונג אויף צו צעשמעטערן די און די
אַנדערע נאָרמאַל־רעפּובליקאַנישע פעסטונגען.

ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט? מיט כשר׳ע ווערטער, מיט סטאַ־
טעטשנער טערמינאָלאָגיע קען מען דאָס ניט דערקלערן. דאָס איז גע־
ווען ניט מער און ניט ווייניגער ווי אַן אויפשטאַנד — אַ רעוואָלוציע
איבער דער לענג און ברייט פון אַמעריקע — פונם הונדערט־יאָריגן אַר־
בעטער־דרעמלער. דער אַרבעטער־קלאַס האָט ענדלאַך דערוואַכט! און
דערוואַכט — על פּי נוסח אַמעריקע! הונדערט יאָר וואָלט מען אין אַן
אייראָפּייאישן שטאַט זיך געשלאָגן פאַר אָט־די דערוועראבונגען וואָס
יונג־אַמעריקע האָט אַזוי שיין, אַזוי העראָאיש, אַזוי צויבערדיג אויסגע־
קעמפט און גראַנדיעז־וויכטיגע פּאָזיציעס דערוואָרבן — אָן איין טראָפּן
פאַרגאָסן בלוט.

נאָר — מיט שכל.

די 6־מיליאָניגע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע „סי־אי־אָ״ האָט, פּשוט
גערעדט, גענוצט שכל. זי האָט געזען אַז זי האָט ניט די ביליאָנען אויף
אָנצושטעלן די טויזנטער און טויזנטער פּראָפּאַגאַנדיסטן — האָט זי גע־
נומען פּאַרוואַנדלען יעדן מיטגליד אין אַ „מאַסאָוויק״ — אַ מאַסן־אַגי־
טאַטאָר. פון איר ערשטער גרויסער באַמיאונג —- איז איר דערווייל גע־
לונגען אַרויסצושטעלן אַ פּראָצענט פון הונדערט טויזנט מענער און 25
טויזנט פרויען וואָס זיינען דורכגעגאַנגען דעם שנעל־קורס פון פּאָליטי־
שער אַקציע. פּאַראַלעל מיט אָט־די דיוויזיעס איז אָנגעגאַנגען אַ בריוו־
לאַכע אַגיטאַציע. אין 100 יאָר פון קאַמף־אין־וואַלן האָט נאָך אַמערי־
קע ניט געזען אַזעלכע קלוג־צוזאַמענגעשטעלטע פּאָליטישע בראָשורן
ווי דער „פּאַק״ האָט עס טערווירט. און אַלץ — „פאַ אַמעריקאַנסקאָמו״;
די „בעזשבאָזשנע״ שטיק וועט דאָ ניט אַרבעטן. אדרבא — הילמאַן
נעמט דאָ די קירכע צו הילף. זי מוז העלפן דעם אַרבעטער —
אַז ניט, פאַרראַט זי איר פונקציע *)

---

* WE ARE FOR THE PEOPLE

Anyone who serves the working people well is, therefore, a friend of the church. Any organization dedicated to the improvement of the conditions of the workers is a friend of the church. Labor unions, in principle and in practice, are organizations which should, by corollary, please and be acceptable to every religious leader who thinks of the people first."

אָט־דער אונטן געבראַכטער אויסצוג איז אַ טייל פון אַ 16זייטיגער בראָשור וועגן דעם ענין. אַזעלכע בראָשורן, שיין געדרוקט און פּראַכט־פול אילוסטרירט, זיינען געדרוקט און צעשפּרייט געוואָרן אין ניט ווייניגער ווי אין 100 מיליאָן עקזעמפּליאַרן. דאָן איז ניט פאַרנאַכלעסיגט געוואָרן די ראַדיאָ. אָט־די אַמפיבישע גענעראַל־אַטאַקע האָט, אין ערשטער ליניע, געהאַט פאַרן אויג צו קריגן די גרעסטע רעגיסטראַציע אין דער געשיכטע פון לאַנד — וואָס זי האָט דאָס געקראָגן און 2) אויפטרייסלען אַמעריקע ביז אירע פונדאַמענטן אַז דאָס לאַנד און די וועלט זיינען אויף משקולת און אַז נאָר איין רוזוועלט קען דאָ ראַטעווען די לאַגע. און אויך דאָס איז דעם „פּעק” געלונגען.

ווי מען זאָל ניט חשבונ׳ען, און ווי מען זאָל ניט פּשט׳לען: די טראַדיציאָנעל־דעמאָקראַטישע סאָוט (וועלכע איז, אַגב, היפּש געשניטן געוואָרן אין הײַ־יאָריגע וואַלן), די זעלנערישע שטימע; די רעפּובליקאַנישע אינטערנאַציאָנאַליסטן און דער ליבעראַלער פאַרם־בלאָק — זיי אַלע צוזאַמען, מיט די פול־קרעדיטירטע כוחות זייערע, וואָלטן אָן דעם „פּעק” היפּש הינטערשטעליג געבליבן לגבי דעם מעכטיגן פאַרמעסט וואָס די רעפּובליקאַנער האָבן געוויזן. רוזוועלט אליין, ווייזט זיך איצט אַרויס, האָט אַליין, אין זיין גרויסן אָפּטימיזם, זיך ניט געריכט אויף מער ווי אויף 335 שטימען אין „עלעקטאָראַל קאַלעדזש”. רוזוועלט אַליין האָט, הפּנים, נאָך ניט באַגריפן אַז פאַר אונזערע אויגן קומט דאָ פאָר ניט מער און ניט ווייניגער ווי אַן אַמעריקאַניש־פאַבריצירטע סאָציאַלע רעוואָלוציע. און אָט־די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע מיט מאַרשאַל הילמאַן בראש איז — היסטאָריש גענומען — ניט קיין קלענערער פּאָליטישער נצחון ווי דאָס אַרייַנזעצן צום 4טן מאָל רוזוועלטן אין ווייסען הויז מיט סאָלידע דעמאָקראַטישע מערהייטן אין ביידע „הייזער” פון קאָנגרעס.

Copyright 1946 by

Farlag "Wochenblat"

Room 901, 41 Union Square

New York 3, N. Y.

139

פֿאַרוואָס ?

די אידישע אינטעליגענץ לייענט אַזוי פֿלייסיג

דאָס „וואָכנבלאַט"

ווייל דאָס „וואָכנבלאַט" איז די איינציגע אומאָפּהענגיגע נאַציאָנאַלע טריבונע אין אידיש.

ווייל דאָס „וואָכנבלאַט" איז די פּלאַטפֿאָרמע פֿאַר דעם אומאָפּהענגיגן אידישן שריפֿטשטעלער.

ווייל אין יעדן נומער „וואָכנבלאַט" דערהערט מען אַ פֿריש וואָרט פֿון אַ פּנים חדשות.

ווייל אין יעדן נומער „וואָכנבלאַט" געפֿינט דער זעלבסט-שטענדיג-דענקענדיגער אידישער לייענער גענוג פּסיכישע וויטאַמינען אויף פֿולע זיבן טעג.

ווייל אין „וואָכנבלאַט" האָבן זיך ביז איצט באַטייליגט איבער 200 פֿון די וויכטיגסטע אידישע שריפֿט-שטעלער, דיכטער און דענקער.

ווייל אין „וואָכנבלאַט" ווערט מיט פֿולן מויל אַרויס-געזאָגט דער גאַנצער און אומקאָמפּראָמיסלאַכער אמת.

ווייל דאָס „וואָכנבלאַט" קעמפֿט פֿאַר די נאַציאָנאַל-פּאָליטישע און קולטורעלע אינטערעסן פֿון דעם אידנטום אין אַמעריקע.

זאַמלט אַבאָנענטן צווישן אייערע פֿריינט און באַקאַנטע!

ווערט אַ מיטבויער צו אַ פֿאַרגרעסערטן און פֿאַרשטאַרקטן „וואָכנבלאַט"!

ענטפֿערט אונזער רוף — דורך אויספֿילן און גלייך אַריינשיקן דעם פֿאָלגנדיגן קופּאָן:

איך שיק אייך דאָ מיין איינצאָלונג פֿאַר דעם „וואָכנבלאַט":

חוב פון פריער .... $

אַבאָנעמענט פֿאַר 1 יאָר (5 דאָלער אַ יאָר) ...... $

אַבאָנעמענט פֿאַר 2 יאָר (9 דאָלער) .... $

אַבאָנעמענט פֿאַר 3 יאָר (12 דאָלער) .... $

מיין אַדרעס איז (אין ענגליש):

Name ______________________

Address ______________________

City, State and P. O. Zone ______________________

____

יצחק ליבמאַן

רעדאַקטאָר פֿון „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט"

איז גרייט צו האַלטן לעקציעס ביי לאַנדסמאַנשאַפֿט־פֿאַראיינען, פֿראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, יוניאָנס, א.אַז.וו.

דאָס זיינען די טעמעס פֿון יצחק ליבמאַן:



1. די צוקונפֿט פֿון דער אידישער קולטור אין אַמעריקע.
2. ארץ־ישראל, סתם־טעריטאָריע און בירא־בידזשאַן.
3. וואו איז דער צענטער פֿון דער אידישער ליטעראַטור?
4. דאָס אידישע פֿאָלק צווישן פֿעלקער.
5. דער איד נאָך דער מלחמה.
6. פיגורן אין דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור.
7. ניו־יאָרק — די אימפּעריאַלע אידישע שטאָט.
8. אידיש און העברויאיש צווישן די „איזמען"
9. אידעאַליזם — דער טוי פֿון אונזער לעבן.
10. ליכט און שאָטן אין דער טעגלאכער אידישער פּרעסע אין אַמעריקע.

ווענן פּרטים זיך ווענדן טעגלאך, חוץ שבת און זונטאג, צווישן 4 און 5 נ.מ., אויפֿן פֿאָלגנדיגן אדרעס:

„ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", 41 יוניאָן סקווער, נ. י.

טעלעפֿאָן: גרעמערסי 7-0336.

פּרייז: 1 דאָלער.